## זֶה הַשַּׁעַר לַה׳ צַדִּיקִים יָבוֹאוּ בוֹ

סֵפֶר

# לִקּוּטֵי־מוֹהֲרַ״ן

הַנִּכְבָּד וְהַנּוֹרָא, מִי כָּמוֹהוּ מוֹרֶה, הַיּוֹצֵא בִּקְדֻשָּׁה וּבְטָהֳרָה, מִפִּי קֹדֶשׁ קָדָשִׁים, נְבוֹן לַחַשׁ וַחֲכַם חֲרָשִׁים. הֲלֹא הוּא כְּבוֹד אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ, הָרַב הָאֱמֶת, הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ הָאֲמִתִּי, נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה, אוֹר יִשְׂרָאֵל וּקְדוֹשׁוֹ, הַמְפֻרְסָם בְּכָל קַצְוֵי אֶרֶץ וְיָם רְחוֹקִים. שְׁמוֹ קֹדֶשׁ. מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ, הָרַב רַבִּי **נַחְמָן** זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה, מִקְּהִלַּת **בְּרֶסְלֶב**, בְּהָרַב הַוָּתִיק וְחָסִיד, מוֹרֵנוּ הָרַב שִׂמְחָה זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, בֶּן לְאוֹתוֹ צַדִּיק, הָרַב הַקָּדוֹשׁ הַמְפֻרְסָם, מוֹרֵנוּ הָרַב נַחְמָן הָארִידֶענְקֶיר זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה. וּמִצַּד אִמּוֹ הַצַּדֶּקֶת הַמְפֻרְסֶמֶת בְּשֵׁם טוֹב, מָרַת פֵיגָא זצ״ל. הוּא נִין וָנֶכֶד לְהָרַב הַקָּדוֹשׁ, רַבָּן שֶׁל כָּל יִשְׂרָאֵל, קָדוֹשׁ שְׁמוֹ, מוֹרֵנוּ הָרַב **יִשְׂרָאֵל בַּעַל־שֵׁם־טוֹב** זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה. יִשְׂמַח אָבִיךָ וְאִמֶּךָ וְתָגֵל יוֹלַדְתֶּךָ. עֲטֶרֶת זְקֵנִים בְּנֵי בָנִים. בִּזְכוּתָם יָאִיר עָלֵינוּ חַסְדֵי דָוִד הַנֶּאֱמָנִים. וְנִזְכֶּה לַחֲזוֹת בְּנֹעַם ה׳ פָּנִים אֶל פָּנִים. חִישׁ קַל מְהֵרָה נָשׁוּב לְצִיּוֹן בִּרְנָנִים. בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ אָמֵן:

עִם פֵּירוּשׁ

## שְׂפָתַי תִּפְתָּח

אִידִישׁ

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**באראַ פארק**
**1415 55 Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


**נדפס ע״י**
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**עריכה, הגהה והוצאה לאור ע״י**
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט״א
רופט:

**קול ברסלב**
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# זֵכֶר עוֹלָם יִהְיֶה צַדִּיק

לִכְבוֹד נִשְׁמַת מְאוֹר עֵינֵינוּ חִיּוּת נַפְשֵׁנוּ,

אֲשֶׁר נָשָׂא אוֹתָנוּ עַל לִבּוֹ כַּאֲשֶׁר יִשָּׂא הָאֹמֵן אֶת הַיּוֹנֵק, לְהַחֲיוֹתֵנוּ כְּהַיּוֹם הַזֶּה, לְהַטְעִימֵנוּ מִצּוּף עֲרֵבוּת נְעִימוּת, יְדִידוּת, זִיו הֶאָרַת שְׁכִינַת עֻזּוֹ יִתְבָּרַךְ, וְהֶחְדִּיר בְּרִבְבוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל בְּכָל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ - אֱמוּנָה בְּרוּרָה וּמְזֻכֶּכֶת בּוֹ יִתְבָּרַךְ, וְקֵרֵב אַלְפֵי נְשָׁמוֹת אֶל הַחֵן וְהַיֹּפִי אֲשֶׁר בַּנַּחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה שׁוֹרֶה, הוּא נִיהוּ הָרַב הַגָּאוֹן הַצַּדִּיק, אִישׁ הָאֶשְׁכּוֹלוֹת - שֶׁהַכֹּל בּוֹ, הֶחָסִיד הָאֲמִתִּי עוֹבֵד ה' בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, מָסַר נַפְשׁוֹ אֵלָיו יִתְבָּרַךְ בְּכָל יוֹם וָיוֹם מִיּוֹם עָמְדוֹ עַל דַּעְתּוֹ, וְסָבַל יִסּוּרִים קָשִׁים וּמָרִים כָּל יְמֵי חַיָּיו, רַבִּים הֵשִׁיב מֵעָוֹן וְקֵרְבָם אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, הֶעֱמִיד תַּלְמִידִים רַבִּים, יִרְאֵי ה' וְחוֹשְׁבֵי שְׁמוֹ, בַּעַל הַמְחַבֵּר סִפְרֵי שׁוּ"ת 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל', וְסֵפֶר 'שְׂפַת הַנַּחַל' פֵּרוּשׁ עַל הַסֵּפֶר הַקָּדוֹשׁ לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. וְקִבֵּץ וְלִקֵּט סְפָרִים רַבִּים וְנִכְבָּדִים מִדִּבְרֵי רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ מוֹהֲרַ"ן מִבְּרֶסְלֶב, וְתַלְמִידוֹ הַקָּדוֹשׁ מוֹהַרְנַ"תְּ - זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ. וֶהֱפִיצָם בְּכָל קַצְוֵי תֵּבֵל, וּבִפְרָטִיּוּת הַקּוּנְטְרֵסִים הַמְּפֻרְסָמִים שֶׁהֶחֱיוּ אֲלָפִים וְרִבְבוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, וְחִזְּקוּ אוֹתָם לַחֲזוֹר בִּתְשׁוּבָה.

עֲטֶרֶת רֹאשֵׁנוּ, נֵזֶר תִּפְאַרְתֵּנוּ, הַמַּלְאָךְ הַנִּצָּב עַל רֹאשׁ דֶּרֶךְ, עַמּוּד הָאֵשׁ אֲשֶׁר לִפְנֵי הַמַּחֲנֶה, מוֹרֶה דֶּרֶךְ וּמְשׁוֹבֵב נְתִיבוֹת

מוֹרֵנוּ וּמְאוֹרֵנוּ

## רַבִּי אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה זצוקללה"ה

בֶּן הַגָּאוֹן רַבִּי מְנַחֵם זְאֵב זַצַ"ל

הָרַב מִטּאֹקַאִי וּבַעַל הַ'מִּנְחַת זְאֵב' וְעוֹד

**זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל**

בְּחַד קְטִירָא אִתְקַטִּיר לִישִׁיבָה שֶׁל מַעְלָה

לְהִתְלוֹנֵן בְּצֵל צַח הַצַּדִּיקִים אֲשֶׁר בְּגַן עֵדֶן

י"ז שְׁבָט תשע"ה

**תְּהֵא נִשְׁמָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה צְרוּרָה בִּצְרוֹר הַחַיִּים**

# הספר הקדוש הזה

## נדפס לזכות
## מורינו ראש הישיבה שליט"א
וזוגתו
## אסתר גיטל תחי',

וילדיהם
## שלמה ומשפ',
## אלחנן חיים ומשפ',
## מרים העניא זיסל ומשפ',
## שמעון ומשפ',
## נחמן נתן, יצחק דוד, צבי, רחל לאה, יוסף, מנחם, יחזקאל, מלכה.

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו לדוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון.

# הַקְדָמָה

דָוִד הַמֶּלֶךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִּים נא, יז): "ה' שְׂפָתַי תִּפְתָּח" הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, עֶפְן מִיר מַיין מויל, "וּפִי יַגִּיד תְּהִלָּתֶךָ" אִיךְ זָאל דִיךְ קֶענֶען דַאנְקֶען און לויבְּן. וַוייל צוּלִיבּ דֶעם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, מִיר זָאלְן וִויסְן און אַנֶערְקֶענֶען אַז עֶר הָאט אַלֶעם בַּאשַׁאפְן, עֶר פִירְט אַלֶעס, און אִים דַאנְקֶען און לויבְּן. דָאס אִיז וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעבְּט אונְז; עֶר לֵייגְט אַרַיין אִין אונְז אַ קְלָארֶע, לוּיטֶערֶע, רֵיינֶע אֱמוּנָה, מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר און נֶעבְּן מִיר', און וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ שְׁפִּירְן - עֶפְנְט זִיךְ דִי מויל און מֶען הוֹיבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער פֵּירוּשׁ "שְׂפָתַי תִּפְתָּח" אִיז אַ גְרִינְגֶע לַייכְטֶע פֵּירוּשׁ אויפְ'ן הֵיילִיגְן סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. דֶער פֵּירוּשׁ אִיז גֶעבּוֹיט אויף דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּנֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: שְׂפַת הַנַּחַל, דְרָשׁוֹת מוֹהֲרָא"שׁ און סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל; אִיבֶּערְגֶעטַייטְשְׁט און גֶעגֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין אויף אַ גְרִינְגֶע וֶועג פַאר דִי בְּנֵי הַנְּעוּרִים, אַז דִי הַיינְטִיגֶע מֹחוֹת זָאלְן אויךְ הָאבְּן אַ טַעַם און אַ גֶעפִּיל אִינֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. זֵיי זָאלְן אויךְ קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אונְז גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמט) מֶען קֶען וֶוערְן אַן אֱמֶת'ֶער בַּעַל תְּשׁוּבָה דוּרְכְ'ן לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, און וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר מִיט אַן אֱמֶת - וֶועט זִיךְ אִים אוֹיפְשְׁטָאפְּן אַלֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן.

**אִיךְ** הָאבּ אַ נָאמֶען גֶעגֶעבּן דֶעם סֵפֶר "שְׂפָתַי תִּפְתָּח", וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן עֶפְנְט אוֹיף דִי מוֹיל צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תְּרוּמוֹת א, ג): "סְתָם חֵרֵשׁ - שֶׁאֵינוֹ שׁוֹמֵעַ וְאֵינוֹ מְדַבֵּר", טַייטְשְׁט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן ס) פַארְוָואס רֶעדְט אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? וַוייל עֶר אִיז ׳אֵינוֹ שׁוֹמֵעַ׳ בְּקוֹל צַדִיקִים, אַז מֶען הֶערְט נִישְׁט דִי וֶוערְטֶער פוּן צַדִיקִים - אִיז מֶען אַן ׳אֵינוֹ מְדַבֵּר׳, רֶעדְט מֶען נִישְׁט צוּם בַּאשֶׁעפֶער. אָבֶּער אַז מֶען הֶערְט זִיךְ צוּ צוּם קוֹל פוּן צַדִיק, מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ׳ס סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן - וֶוערְט "שְׂפָתַי תִּפְתָּח", דִי לִיפְּן עֶפֶענֶען זִיךְ, מֶען הוֹיבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**אוֹיךְ** אִין דִי וָוארְט ׳שְׂפָתַי׳ אִיז דָא דִי וָוארְט ׳שְׂפַת׳ וַוייל דָאס אִיז גֶעבּוֹיט אוֹיפְן הֵיילִיגְן סֵפֶר "שְׂפַת הַנַחַל" אוּן אִינֶעם אוֹת יוּ"ד אִיז מְרוּמָז מַיין נָאמֶען.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף מִיר, אִיךְ זָאל קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן אוּן פַארֶרעכְטְן אַלֶעם וָואס אִיךְ דַארְף מְתַקֵן זַיין; מַיין נֶפֶשׁ, רוּחַ וּנְשָׁמָה. אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן שֶׁעמֶען פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, אוּן מִיר זָאלְן אַלֶע שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָה, וֶוען עֶס וֶועט זַיין וּ׳מֶלֶךְ אֶ׳חָד יִ׳הְיֶה לְ׳כֻלָּם (יְחֶזְקֵאל לז, כב)

# ז

## לְשׁוֹן רַבֵּנוּ, זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה

### וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם (שְׁמוֹת כא):

**אָמְרוּ** חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: הֻשְׁווּ אִשָּׁה לְאִישׁ (קִדּוּשִׁין לה: בָּבָא קַמָּא טו.). וְאִיתָא בִּמְכִילְתָּא: 'יָכוֹל יִהְיוּ הַתַּלְמִידִים לוֹמְדִין וְאֵינָם מְבִינִים — תַּלְמוּד לוֹמַר: "אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם" — עָרְכֵם לִפְנֵיהֶם כְּשֻׁלְחָן עָרוּךְ':

**א** דַּע, כִּי עִקַּר הַגָּלוּת אֵינוֹ אֶלָּא בִּשְׁבִיל חֶסְרוֹן אֱמוּנָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שִׁיר־הַשִּׁירִים ד): "תָּבוֹאִי, תָּשׁוּרִי מֵרֹאשׁ אֲמָנָה";

---

## ז לְשׁוֹן רַבֵּנוּ, זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה

### וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם

(שְׁמוֹת כא, א):

**אָמְרוּ** חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה די הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן, מִיר זֶעעֶן פוּן דֶעם לָשׁוֹן וָואס דִי פָּסוּק זָאגְט 'לִפְנֵיהֶם' [פַּאר זַיי] - הֻשְׁווּ אִשָּׁה לְאִישׁ אַז עֶס אִיז צוּגֶעגְלִיכְן אַ פְרוֹי צוּ אַ מַאן פַאר אַלֶע דִינִים פוּן דִי תּוֹרָה (קִדּוּשִׁין לה: בָּבָא קַמָּא טו.). **וְאִיתָא בִּמְכִילְתָּא** אוּן אִין מְכִילְתָּא (פָּרָשַׁת מִשְׁפָּטִים, מְכִילְתָּא דִנְזִיקִין, א) אִיז דָא נָאךְ אַ דְּרַשׁ וָואס מֶען דַּרְשְׁ'נְט פוּנֶעם זֶעלְבְּן פָּסוּק; 'יָכוֹל' וֶועסְטוּ מֵיינֶען, 'יִהְיוּ הַתַּלְמִידִים לוֹמְדִין' אַז דִי תַּלְמִידִים זָאלְן לֶערְנֶען, 'וְאֵינָם מְבִינִים' אָן פַארְשְׁטֵיין? 'תַּלְמוּד לוֹמַר' קוּמְט דֶער פָּסוּק זָאגְן: 'אֲשֶׁר תָּשִׂים' וָואס דוּ זָאלְסְט לֵייגְן, 'לִפְנֵיהֶם' פַּאר זַיי; 'עָרְכֵם לִפְנֵיהֶם' לֶערְן מִיט זַיי קְלָאר, זַיי זָאלְן פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען - 'כְּשֻׁלְחָן עָרוּךְ' אַזוֹי וִוי אַ גֶעדֶעקְטֶע טִישׁ; בִּיז דָא אִיז דִי לָשׁוֹן פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים.

**א זָאגְט** יֶעצְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, דַּע זָאלְסְט וִויסְן, כִּי עִקַּר הַגָּלוּת אַז דֶער עִיקָר גָלוּת - אֵינוֹ אֶלָּא בִּשְׁבִיל חֶסְרוֹן אֱמוּנָה אִיז נָאר צוּלִיב וֵויינִיג אֱמוּנָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים ד, ח) וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען אוּן מֶען וֶועט אַרוֹיסְגֵיין פוּן גָלוּת, זָאגְט דֶער בַּאשֶׁעפֶער: 'תָּבוֹאִי' אִיךְ וֶועל מִיט קוּמֶען מִיט דִי אִידְן, 'תָּשׁוּרִי' אוּן דַאן וֶועט מֶען זֶען, וֶוען מֶען וֶועט זִיךְ מִתְבּוֹנֵן זַיין, אִין וָואס פַאר אַ זְכוּת אִיז מֶען אוֹיסְגֶעלֵייזְט גֶעוָוארְן? 'מֵרֹאשׁ אֲמָנָה' אִין דִי זְכוּת וָואס מֶען הָאט גֶעגְלֵייבְּט פוּן אָנְהוֹיב אָן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז מֶען אוֹיסְגֶעלֵייזְט גֶעוָוארְן; וַוייל אִין דִי זְכוּת פוּן אֱמוּנָה גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן גָלוּת, אוּן פַארְקֶערְט, אַז עֶס פֶעלְט פוּן דִי אֱמוּנָה - דָאס אִיז דֶער גָלוּת, וַוייל וֶוען מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי אוּן מְדַבֵּר - אַלֶעס אִיז עֶר, נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט אוֹיסֶער אִים, יֶעדֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט אִיז פוּן אִים, אוּן אִין יֶעדֶע רִיר גֶעפִינְט זִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; וֶוען מֶען וֵוייסְט דָאס - אִיז נִישְׁטָא דֶער גָלוּת.

[דֶערְפַאר וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן צַדִּיקִים (דֶער הֵיילִיגֶער רַשַׁ"ב מִלְּיוּבַּאוִויטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וְעוֹד), אַז דֶער גָלוּת אִיז נָאר פַארְן גוּף אוּן נִישְׁט פַאר דִי נְשָׁמָה. נָאר דֶער גוּף אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין גָלוּת, אָבֶער דִי נְשָׁמָה פוּן

אַ איד קֶען זיך צוּקְלֶעבְּן צוּם אייבֶּערְשְׁטְן אִיבֶּעראַל, וואוּ עֶס זָאל זיך נָאר גֶעפינֶען. וַוייל דֶער אייבֶּערְשְׁטֶער איז 'מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ', אוּן דֶערְפַאר זָאגְט דֶער רֶבִּי (שְׁפֶּעטֶער אין דֶעם חֵלֶק, סִימָן סא) וואוּ אידְן זֶענֶען – איז דָארְט מיט זֵיי דָא קְדוּשַּׁת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; אידְן טוּעֶן הַיילִיגְן די פְּלַאץ וואוּ זֵיי גֶעפינֶען זיךְ, דוּרְךְ בּוֹיעֶן שוּלְן אוּן יְשִׁיבוֹת, אוּן דֶערְפַאר איז דָא פּוֹסְקִים (רַמְבַּ"ם וְעוֹד, אַזוֹי ווי אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט אין סֵפֶר וַיּוֹאֶל מֹשֶׁה, מַאֲמַר יִשּׁוּב אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל) וָואס זָאגְן אַז הַיינְטִיגֶע טֶעג איז נִישְׁטָא די מִצְוָה פוּן יִשּׁוּב אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען אוּן עֶר וֶועט אוּנְז אוֹיסְלֵייזְן – דֶעמָאלְט וֶועלְן מִיר זיךְ אַלֶע צוּרִיק קֶערְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אָבֶּער הַיינְטִיגֶע טֶעג איז דֶער עִיקָר עֲבוֹדָה פוּן אַ איד אוֹיפְצוּזוּכְן דֶעם אייבֶּערְשְׁטְן וואוּ עֶר גֶעפינְט זיךְ, אוּן אַזוֹי וֶוערְט די פְּלַאץ הַיילִיג בִּקְדֻשַּׁת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן די זֶעלְבֶּע איז פַארְקֶערְט, אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען גֶעפינְט זיךְ אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם מֶען הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה – איז דָארְט אוֹיךְ די גָלוּת.

**אַזוֹי** אוֹיךְ, קֶען מֶען זיךְ גֶעפינֶען אין שׁוּל, אין יְשִׁיבָה, אוּן אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה – איז מֶען דָארְט אין שׁוּל, אין יְשִׁיבָה – אַ גְרוֹיסֶער רַחְמָנוּת, מֶען קְרִיגְט זיךְ אוּן מֶען טְרֶעפְט זיךְ נִישְׁט דָאס פְּלַאץ, אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ מיט אֱמוּנָה, וואוּ עֶר זָאל נָאר זַיין – טְרֶעפְט עֶר דָארְט דֶעם אייבֶּערְשְׁטְן; קוּמְט אוֹיס אַז די גְאוּלָה הָאט נָאר מיט אֱמוּנָה].

**וֶאֱמוּנָה הוּא בְּחִינַת תְּפִלָּה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (שְׁמוֹת י"ז): **"וַיְהִי יָדָיו אֱמוּנָה", וְתַרְגּוּמוֹ: 'פְּרִישָׂן בִּצְלוֹ'.**

**וֶאֱמוּנָה הוּא בְּחִינַת תְּפִלָּה** אוּן אֱמוּנָה – דָאס איז תְּפִלָּה; אֱמוּנָה אוּן תְּפִלָּה זֶענֶען אֵיינְס, אֱמוּנָה בְּרֶענְגְט תְּפִלָּה אוּן תְּפִלָּה בְּרֶענְגְט אֱמוּנָה; וַוייל וֶוען מֶען הָאט אַ קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, מֶען ווייסְט אַז אַלֶעס איז דֶער אייבֶּערְשְׁטֶער, דֶעמָאלְט בֶּעט מֶען אים יֶעדֶע זַאךְ, וֶוען עֶפֶּעס פֶּעלְט אָדֶער וֶוען עֶפֶּעס טוּט וֵויי – וֶוענְדְט מֶען זיךְ נָאר צוּ אים, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דוּרְךְ תְּפִלָּה בַּאקוּמְט מֶען אֱמוּנָה; וַוייל ווי מֶער מֶען רֶעדְט צוּם אייבֶּערְשְׁטְן – וֶוערְט אַלְץ קְלָארֶער די אֱמוּנָה, מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן די גֶעשְׁמַאקֶע אַיינְגֶענֶעמֶע, לוֹיטֶערֶע, לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם אייבֶּערְשְׁטְן, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט אין פָּסוּק (שְׁמוֹת י"ז, יב): **'וַיְהִי יָדָיו אֱמוּנָה'** מֹשֶׁה רַבֵּינוּ'ס הֶענְט זֶענֶען גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט מיט אֱמוּנָה, **וְתַרְגּוּמוֹ** זָאגְט דֶער תַּרְגּוּם: **'פְּרִישָׂן בִּצְלוֹ'** אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט צוּם אייבֶּערְשְׁטְן מיט תְּפִלָּה; זֶעט מֶען אַז דֶער פָּסוּק רוּפְט אָן תְּפִלָּה – 'אֱמוּנָה', וַוייל אֱמוּנָה אוּן תְּפִלָּה זֶענֶען אֵיינְס.

[**דָאס** איז דֶער סוֹד וָואס דֶער הַיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, די סוֹד פוּן 'הִתְבּוֹדְדוּת', מֶען זָאל זיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ מִיטְן אייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווי מֶען רֶעדְט מיט אַ נָאנְטֶער חַבֵר, אוּן כְּדֵי מֶען זָאל דָאס קֶענֶען טוּן, רֶעדְן צוּם אייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווי מֶען רֶעדְט צוּ אַ חַבֵר – דַארְף מֶען שְׁפִּירְן ווי דֶער אייבֶּערְשְׁטֶער איז מִיטְן מֶענְטְשׁ, וַוייל אַז מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אייבֶּערְשְׁטְן – קֶען מֶען נִישְׁט רֶעדְן צוּ אים.

אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אִין פַאקְט, אַז מִיט אַ חָבֵר קֶען מֶען רֶעדְן אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען שָׁעוֹת אוֹיף שָׁעוֹת, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן – הוֹיבְּט מֶען אָן גֶענִיצְן אוּן מֶען הוֹיבְּט אָן אַיינְדְרִימְלֶען; דָאס קוּמְט פוּן דֶעם וָואס דֶעם חָבֵר זֶעט מֶען אוּן מֶען שְׁפִּירְט וִוי עֶר הֶערְט אוֹיס, אוּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁפִּירְט מֶען נָאכְנִישְׁט; יֶעצְט וָואס קֶען מֶען טוּן יָא זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? דִי עֵצָה אִיז צוּ שְׁרֵייעֶן טֶעג אוּן יָארְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל אִים זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה אַז דִי מֹחַ עֶפְנְט זִיךְ אוֹיף אוּן מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה; קוּמְט אוֹיס אַז 'אֱמוּנָה' אוּן 'תְּפִלָּה' זֶענֶען אֵיין זַאךְ].

**וְזֶה** בְּחִינַת נִסִּים לְמַעְלָה מֵהַטֶּבַע, כִּי הַתְּפִלָּה לְמַעְלָה מֵהַטֶּבַע, כִּי הַטֶּבַע מְחַיֵּב כֵּן, וְהַתְּפִלָּה מְשַׁנָּה הַטֶּבַע, וְזֶה דְּבַר נֵס, וְלָזֶה צָרִיךְ אֱמוּנָה, שֶׁיַּאֲמִין שֶׁיֵּשׁ מְחַדֵּשׁ וּבְיָדוֹ לְחַדֵּשׁ דָּבָר כִּרְצוֹנוֹ.

**וְזֶה** אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה אוּן אִין תְּפִלָּה, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ – **בְּחִינַת נִסִּים** אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ זֶען נִיסִים **לְמַעְלָה מֵהַטֶּבַע** וָואס אִיז קֶעגְן דִי טֶבַע; **כִּי הַתְּפִלָּה לְמַעְלָה מֵהַטֶּבַע** ווייל תְּפִלָּה אִיז הֶעכֶער פוּן דִי טֶבַע, **כִּי הַטֶּבַע מְחַיֵּב כֵּן** ווייל אוֹיךְ וֶוען דִי טֶבַע, דִי נַאטוּר – זָאגְט אַזוֹי, טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, מֶען דַארְף וִויסְן אַז מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען אַלֶעס טוּישְׁן צוּם גוּטְן, **וְהַתְּפִלָּה** אוּן אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן – **מְשַׁנָּה הַטֶּבַע** טוּט מֶען אוֹיסְדְרֵייעֶן דִי טֶבַע, **וְזֶה** אוּן דָאס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט פַארְקֶערְט פוּן דִי טֶבַע, דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'נֵס', **דְּבַר נֵס** דָאס אִיז דִי טַייטְשׁ פוּן 'נֵס', אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן, הוֹיךְ; דִי גַאנְצֶע בַּאשַׁאף וֶוערְט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן הוֹיךְ, אַרוֹיס פוּן דִי טֶבַע; יֶעדֶער זֶעט אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער וָואס פִירְט אַלֶעס.

**וְלָזֶה** אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ אַנֶערְקֶענֶען דִי גְרוֹיסֶע נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט מִיטְן מֶענְטְשׁ, **צָרִיךְ אֱמוּנָה** דָאס גֵייט נָאר מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה; **שֶׁיַּאֲמִין** עֶר זָאל גְלֵייבְּן, **שֶׁיֵּשׁ מְחַדֵּשׁ** אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער וָואס בַּאנֵייט דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה יֶעדֶע רֶגַע, **וּבְיָדוֹ** אוּן עֶס לִיגְט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הֶענְט – **לְחַדֵּשׁ דָּבָר כִּרְצוֹנוֹ** צוּ בַּאנֵייעֶן אַלֶעס לוֹיט זַיין ווילְן.

[דֶער מֶענְטְשׁ וָואס דַאוֶוענְט אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן – אִיז זוֹכֶה אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן דִי טֶבַע, עֶס וֶוערְט בַּיי אִים אַ לֶעבְּן פוּן נִיסִים, יֶעדֶע זַאךְ אִיז אַ נֵס; אַז מֶען קֶען גֵיין, אוּן אַז מֶען קֶען שְׁטֵיין, אַלֶעס אִיז אַ נֵס, אַז מֶען זֶעט אוּן מֶען הֶערְט, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ יֶעדֶע אָטֶעם וָואס מֶען גֶעבְּט – אִיז אַ נֵס; נָאר ווִיבַּאלְד דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט אוֹיף אַ וֶועג אַז עֶס זָאל זִיךְ פִירְן בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע – פַארְגֶעסְט מֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען רֶעדְט זִיךְ אֵיין אַז דָאס אַלֶעס אִיז טֶבַע, אָבֶּער אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ – וֶוערְט אַנְטְפְּלֶעקְט אַז אַלֶעס אִיז נִיסִים].

**וְעִקַּר** אֱמוּנָה, בְּחִינַת תְּפִלָּה, בְּחִינַת נִסִּים, אֵינוֹ אֶלָּא בְּאֶרֶץ-יִשְׂרָאֵל, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים ל"ז): "שְׁכָן אֶרֶץ וּרְעֵה אֱמוּנָה". וְשָׁם עִקַּר עֲלִיּוֹת הַתְּפִלּוֹת, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בְּרֵאשִׁית כ"ח): "וְזֶה שַׁעַר הַשָּׁמָיִם".

**וּבִשְׁבִיל** זֶה, כְּשֶׁפָּגַם אַבְרָהָם "בַּמָּה אֵדַע" (שָׁם ט"ו), וּבָזֶה פָּגַם בִּירֻשַּׁת אֶרֶץ, שֶׁהִיא בְּחִינַת אֱמוּנָה, בְּחִינַת תְּפִלָּה,

**וְעִקַּר** אֱמוּנָה אוּן ווי אַזוֹי איז מֶען זוֹכֶה צוּ הָאבְן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, בְּחִינַת תְּפִלָּה אוּן צוּ זַיין שְׁטַארְק אִין תְּפִלָּה, בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ דֶעם אייבֶּערְשְׁטְן, בְּחִינַת נִסִּים גְלֵייבְּן אַז דֶער אייבֶּערְשְׁטֶער קֶען אַלֶעס מַאכְן, אוּן אַז דִי גַאנְצֶע טֶבַע איז אייבֶּערְשְׁטֶער? **אֵינוֹ אֶלָּא בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל** דָאס איז נָאר דוּרְךְ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים ל"ז, ג): 'שְׁכָן אֶרֶץ' דוּ וֶועסְט רוּעֶן אִין לַאנְד, אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, 'וּרְעֵה אֱמוּנָה' וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ פַּאשֶׁען מִיט אֱמוּנָה; ווייל דָארְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל איז מֶען זוֹכֶה צוּ אֱמוּנָה, אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט (דְּבָרִים יא, יב): 'תָּמִיד עֵינֵי ה' אֱלֹקֶיךָ בָּהּ', ווייל דוּרְךְ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וֶוערְט אַנְטְפְּלֶעקְט אַז עֶס איז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי וֶועלְט, **וְשָׁם** אוּן פוּן דָארְט **עִקַּר עֲלִיּוֹת הַתְּפִלּוֹת** גֵייעֶן אַרוֹיף אַלֶע תְּפִלּוֹת, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כ"ח, יז), וָוען יַעֲקֹב אָבִינוּ איז אַרִיבֶּער דֶעם מְקוֹם הַמִּקְדָּשׁ הָאט עֶר גֶעזָאגְט: 'וְזֶה שַׁעַר הַשָּׁמָיִם' אוּן דָאס אִיז דִי טוֹיעֶר פוּן הִימְל, זָאגְט רַשִׁ"י: 'מְקוֹם תְּפִלָּה לַעֲלוֹת תְּפִלָּתָם הַשָּׁמַיְמָה', דָא אִיז דִי פְּלַאץ וואוּ דִי תְּפִלּוֹת גֵייעֶן אַרוֹיף אִין הִימְל, אוּן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ל.): 'הַמִּתְפַּלֵּל בְּחוּץ לָאָרֶץ' דֶער וָואס דַאוֶוענְט אינְדְרוֹיסְן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל - 'יְכַוֵּן לִבּוֹ כְּנֶגֶד אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל' זָאל אינְזִין הָאבְן ווי עֶר שְׁטֵייט אַנְטְקֶעגְן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; ווייל פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל גֵייעֶן אַרוֹיף אַלֶע תְּפִלּוֹת, ווייל 'אֱמוּנָה', 'תְּפִלָּה', 'נִסִּים' אוּן 'אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל' - זֶענֶען אֵיינְס, אַלֶעס איז גֶעקְנִיפְּט אוּן גֶעבִּינְדְן אֵיינְס מִיט דִי אַנְדֶערֶע; ווייל דוּרְךְ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אֱמוּנָה, אוּן אַז מֶען הָאט אֱמוּנָה אִיז דָא תְּפִלָּה, אוּן מִיט תְּפִלָּה אִיז דָא נִסִּים, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דוּרְךְ תְּפִלָּה, דוּרְךְ נִסִּים - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אֱמוּנָה אוּן צוּ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

**וּבִשְׁבִיל** זֶה אוּן דֶערְפַאר, וָוען דֶער אייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעזָאגְט פַאר אַבְרָהָם אָבִינוּ אִים צוּ גֶעבְּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, **כְּשֶׁפָּגַם אַבְרָהָם** אוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם אייבֶּערְשְׁטְן: '**בַּמָּה אֵדַע**' ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ וויסְן אַז אִיךְ וֶועל דָאס טַאקֶע בַּאקוּמֶען? (שָׁם ט"ו, ח), - **וּבָזֶה פָּגַם בִּירֻשַּׁת אֶרֶץ** מִיט דֶעם הָאט עֶר פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִין יַרְשְׁ'עֶנֶען אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, **שֶׁהִיא בְּחִינַת אֱמוּנָה** עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פְּגַם אִין דִי אֱמוּנָה; אַבְרָהָם אָבִינוּ וָואלְט וֶוען גֶעדַארְפְט גְלֵייבְּן אוּן נִישְׁט פְרֶעגְן: 'בַּמָּה אֵדַע' פוּן ווי וֶועל אִיךְ וויסְן אַז אִיךְ וֶועל עֶס בַּאקוּמֶען, **בְּחִינַת תְּפִלָּה** אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ אַ פְּגַם אִין תְּפִלָּה, ווייל וָוען מֶען אִיז פּוֹגֵם אִין דִי אֱמוּנָה אִיז מֶען פּוֹגֵם בִּתְפִלָּה,

**הָיָה גָלוּת מִצְרַיִם. וְדַוְקָא יַעֲקֹב וּבָנָיו יָרְדוּ מִצְרַיִם, כִּי הֵם בְּחִינַת שְׁנֵים־עָשָׂר נֻסְחָאוֹת הַתְּפִלָּה, וְהוֹרִיד אוֹתָם בְּגָלוּת. וּמִצְרַיִם הוּא הֵפּוּךְ הַנִּסִּים, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (שְׁמוֹת י"ד): **"וּמִצְרַיִם נָסִים לִקְרָאתוֹ", שֶׁאֵין שָׁם**

וַוייל די צְווייי זאכְן 'אֱמוּנָה' און 'תְּפִלָּה' גֵייעְן אִינְאֵיינֶעם, הָיָה גָּלוּת מִצְרַיִם און דֶערְפַאר הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט די גְזֵירָה אַז זַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן גֵיין קַיין מִצְרַיִם, וָואס דָארְט אִין מִצְרַיִם אִיז נִישְׁטָא קַיין אֱמוּנָה, מִצְרַיִם אִיז דִי פְּלַאץ פוּן עֲבוֹדָה זָרָה; וַוייל וֶוען עֶס אִיז דָא וֵוינִיג אֱמוּנָה – אִיז דָא דֶער גָלוּת.

[מֶען דארף פַארְשְׁטֵיין, ווי אַזוֹי קֶען זַיין אַז אַבְרָהָם אָבִינוּ וָואס הָאט גֶעלִיטְן די צֶען שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת און אִיז בֵּייגֶעשְׁטַאנֶען אַלֶעס, און וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אִים 'דוּ גֵייסְט יַרְשְׁ'עֶנֶען אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל' – זָאל עֶר פְרֶעגְן אַזַא פְרַאגֶע, 'בַּמָּה אֵדַע כִּי אִירָשֶׁנָּה' פוּן ווי וֵוייס אִיךְ אַז אִיךְ גֵיי עֶס טַאקֶע בַּאקוּמֶען? ווי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ?! נָאר וָואס דֶען, אִין דֶעם לִיגְט דֶער סוֹד פוּנֶעם גָלוּת, אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט נִישְׁט גֶעפְרֶעגְט די שְׁאֵלָה וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אֱמוּנָה, מִיר זֶעעְן דָאךְ אַז אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן פַארְבְּרֶענְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף קִידּוּשׁ הַשֵּׁם (בְּרֵאשִׁית רַבָּה לח, יג), נָאר מִיט די שְׁאֵלָה וָואס עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט – און דוּרְכְדֶעם זֶענֶען אִידְן גֶעגַאנְגֶען אִין גָלוּת מִצְרַיִם – הָאט עֶר גֶעוִויזְן פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל אַז דֶער עִיקָר גָלוּת אִיז דָאס פְרֶעגְן קֻשְׁיוֹת און שְׁאֵלוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶס אִיז דָא אַסַאךְ זאכְן וָואס מֶען קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט

די וֶועגְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַארְוָואס אִידִישֶׁע קִינְדֶער דַארְפְן אַזוֹיפִיל לַיידְן; די אַלֶע שְׁאֵלוֹת און סְפֵיקוֹת וָואס מֶען הָאט אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן – בְּרֶענְגְט נִישְׁט קַיין גוּטְס, עֶס טְרָאגְט נָאר אַריין טִיפֶער אִינֶעם גָלוּת. די שְׁאֵלוֹת – אִיז דֶער גָלוּת, אַ אִיד דַארְף גְלֵייבְּן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה און זִיךְ מְבַטֵּל זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט די וֶועלְט מִיט אַ פִּינְקְטְלִיכֶע חֶשְׁבּוֹן און מִיט גֶערֶעכְטִיגְקֵייט].

**וְדַוְקָא** יַעֲקֹב וּבָנָיו יָרְדוּ מִצְרַיִם און פַארְוָואס אִיז די גְזֵירָה פוּן גָלוּת גֶעוֶוען פִּינְקְט אוֹיף יַעֲקֹב אָבִינוּ מִיט זַיינֶע קִינְדֶער? כִּי הֵם וַוייל די צְוֶועלְף שְׁבָטִים, וָואס זֶענֶען די צְוֶועלְף מַזָּלוֹת – בְּחִינַת זֵיי זֶענֶען שְׁנֵים עָשָׂר נֻסְחָאוֹת הַתְּפִלָּה די צְוֶועלְף נֻסְחָאוֹת בַּיים דַאוֶונֶען. יֶעדֶער שֵׁבֶט הָאט זַיין נוּסַח, יֶעדֶע שֵׁבֶט הָאט אִין הִימְל אַ בַּאזוּנְדֶערֶע טוֹיעֶר וואוּ עֶס גֵייעְן אַרַיין זֵייעֶרֶע תְּפִלּוֹת (קוּק אַרַיין פְּרִיעֶר אִין חֵלֶק א', סִימָן ט'), און ווִיבַּאלְד מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִין די אֱמוּנָה – הָאט מֶען פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִין תְּפִלָּה, **וְהוֹרִיד אוֹתָם בְּגָלוּת** זֶענֶען די שְׁבָטִים – וָואס זֵיי זֶענֶען די נֻסְחָאוֹת הַתְּפִלָּה – אַרָאפּ אִין גָלוּת, קַיין מִצְרַיִם, וּמִצְרַיִם וָואס דָארְט אִין מִצְרַיִם, **הוּא הֵפּוּךְ** הַנִּסִּים אִיז די פְּלַאץ וָואס לֵייקֶנְט אִין נִסִּים, זֵיי זָאגְן אַז אַלֶעס אִיז טֶבַע, מִקְרֶה און מַזָּל, כְּמוֹ **שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שְׁמוֹת י"ד, כז): 'וּמִצְרַיִם נָסִים

לִקְרָאתוֹ' [און די מִצְרִיִּים זֶענֶען גֶעלאָפְן אַנְטְקֶעגְן אִים], טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי: 'וּמִצְרַיִם' די מִצְרִיִּים וָואס גְלֵייבְּן נִישְׁט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'נִסִּים' די נִסִּים זֶענֶען נִישְׁט מִיט זֵיי, נָאר 'לִקְרָאתוֹ' אַנְטְקֶעגְן זֵיי, שֶׁאֵין שָׁם מְקוֹם הַנִּסִּים עֶס גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט קֵיין נִסִּים אִין מִצְרַיִם, אִין מִצְרַיִם אִיז גֶעוֶוען נָאר טֶבַע, פִּינְקְט פַּארְקֶערְט פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט (דְּבָרִים יא, י): 'כִּי הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַתָּה בָא שָׁמָּה לְרִשְׁתָּהּ' ווייל די לַאנְד – אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל – וָואס דוּ גֵייסְט אַרַיין דָארְט אִיר צוּ יַרְשְׁ'עֶנֶען – 'לֹא כְאֶרֶץ מִצְרַיִם הִוא אֲשֶׁר יְצָאתֶם מִשָּׁם', אִיז נִישְׁט אַזוֹי ווי אֶרֶץ מִצְרַיִם וָואס דוּ בִּיסְט פוּן דָארְט אַרוֹיס, 'אֲשֶׁר תִּזְרַע אֶת זַרְעֲךָ וְהִשְׁקִיתָ בְרַגְלְךָ כְּגַן הַיָּרָק' אִין מִצְרַיִם וֶוען מֶען פְלַאנְצְט אַיין – הָאט מֶען גֶעדַארְפְט בְּרֶענְגֶען וַואסֶער פוּן די נִילוּס, ווייל אִין מִצְרַיִם גֵייט נִישְׁט קֵיין רֶעגְן, אַלֶעס גֵייט דָארְט לוֹיט די טֶבַע, אָבֶּער אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל דָארְט שְׁטֵייט (דְּבָרִים יא, יא): 'לִמְטַר הַשָּׁמַיִם תִּשְׁתֶּה מָּיִם' עֶס קוּמְט רֶעגְן פוּן הִימְל, מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וַוארְטְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**וְאֵין** שָׁם מְקוֹם הַתְּפִלָּה אִין מִצְרַיִם אִיז נִישְׁט קֵיין פְּלַאץ פוּן תְּפִלָּה, דָארְט אִיז אַ פְּלַאץ פוּן עֲבוֹדָה זָרָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שְׁמוֹת ט, כט) מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זָאגְט פַאר פַּרְעֹה: 'וְהָיָה כְּצֵאתִי

**מְקוֹם הַנִּסִּים, וְאֵין שָׁם מְקוֹם הַתְּפִלָּה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (שָׁם ט): **"וְהָיָה כְּצֵאתִי אֶת הָעִיר אֶפְרֹשׂ אֶת כַּפַּי".**

**וְכָל הַגָּלֻיּוֹת מְכֻנִּים בְּשֵׁם מִצְרַיִם, עַל שֵׁם שֶׁהֵם מְצֵרִים לְיִשְׂרָאֵל. וּכְשֶׁפּוֹגְמִין בֶּאֱמוּנָה, בִּתְפִלָּה, בְּאֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל, הוּא יוֹרֵד לְגָלוּת.**

אֶת הָעִיר' ווען איך וועל אַרוֹיסְגֵיין פוּן שְׁטָאט – 'אֶפְרֹשׂ אֶת כַּפַּי' וועל איך אוֹיסְשְׁפְּרֵייטְן מַיינֶע הֶענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט וועל איך מִתְפַּלֵּל זַיין; ווייל אִין מִצְרַיִם אִיז נִישְׁט קֵיין פְּלַאץ פוּן תְּפִלָּה, די טוּמְאָה פוּן מִצְרַיִם אִיז צוּ לֵייקֶענֶען אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לֵייקֶענֶען אִין די אֱמוּנָה, די קְלִיפָּה זָאגְט אַז אַלֶעס אִיז טֶבַע, אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט (שָׁם ה, ב): 'וַיֹּאמֶר פַּרְעֹה מִי הֲוָיָ"ה אֲשֶׁר אֶשְׁמַע בְּקוֹלוֹ' [פַּרְעֹה הָאט גֶעזָאגְט, וֶוער אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער איך זָאל צוּ הֶערְן זַיין קוֹל?] פַּרְעֹה לֵייקֶנְט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט אַז די גַאנְצֶע וֶועלְט ווערְט גֶעפִירְט דוּרְכְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז עֶס אִיז דָא אַ פְּגַם אִין אֱמוּנָה – אִיז דָאס אַ פְּגַם אִין תְּפִלָּה.

**וְכָל** הַגָּלֻיּוֹת אוּן אַלֶע גָּלֻיּוֹת אוּן אַלֶע צָרוֹת, מְכֻנִּים ווערְן אָנְגֶערוּפְן – **בְּשֵׁם מִצְרַיִם** מִיטְן נָאמֶען 'מִצְרַיִם', **עַל שֵׁם** פוּן וועגְן, **שֶׁהֵם מְצֵרִים לְיִשְׂרָאֵל** זֵיי מַאכְן עֶנְג פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער (בְּרֵאשִׁית רַבָּה טז, ד), ווייל אַז מֶען פַארְלִירְט די אֱמוּנָה – ווערְט עֶנְג, **וּכְשֶׁפּוֹגְמִין בֶּאֱמוּנָה** אוּן אַז מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין אֱמוּנָה, וָואס דֶעמָאלְט ווערְט מֶען שְׁוַואךְ **בִּתְפִלָּה** אִין תְּפִלָּה, (ווייל נָאר מִיט אֱמוּנָה הָאט מֶען תְּפִלָּה), אוּן אוֹיךְ **בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל** מֶען טוּט גְרִינְגְשֶׁעצְן אִין די הֵיילִיגְקֵייט פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; וָואס די דְרֵיי

זאכן 'אֱמוּנָה', 'תְּפִלָּה' און 'אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל' – זֶענֶען איין זאךְ, וֶוען מֶען איז פּוֹגֵם אין זיי – **הוּא יוֹרֵד לְגָלוּת** גֵייט מֶען אַרָאפּ אִין גָלוּת.

**וְזֶה שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** (סַנְהֶדְרִין צז.): **'אֵין מָשִׁיחַ בֶּן־דָּוִד בָּא, אֶלָּא עַד שֶׁתִּכְלֶה פְּרוּטָה מִן הַכִּיס'; הַיְנוּ, שֶׁיִּכְלוּ הָאֶפִּיקוֹרְסִים שֶׁאֵין לָהֶם אֱמוּנָה בְּנִסִּים, וּמְכַסִּים כָּל הַנִּסִּים בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע. כִּי עִקַּר הַנִּסִּים בְּאֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל, כִּי** (תַּעֲנִית י.) **'אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל שׁוֹתָה תְּחִלָּה', וּשְׁתִיָּתָהּ מֵהַתְּהוֹמוֹת, שֶׁהֵם לְשׁוֹן: "וַתֵּהֹם כָּל הָעִיר"** (רוּת א), **שֶׁעַל דָּבָר נִסִּי תְּמֵהִין הָעוֹלָם.**

**וְזֶה שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** אוּן דָאס זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (סַנְהֶדְרִין צז.): **'אֵין מָשִׁיחַ בֶּן דָוִד בָּא'** מָשִׁיחַ בֶּן דָוִד וֶועט נִישְׁט קוּמֶען, **'אֶלָּא עַד שֶׁתִּכְלֶה פְּרוּטָה מִן הַכִּיס'** נָאר נָאכְדֶעם וָואס עֶס וֶועט זִיךְ עֶנְדִיגְן דִי פְּרוּטָה פוּן טַאשׁ; בִּפְשְׁטוּת זָאגְן דִי חֲכָמִים אַז נָאכְדֶעם וָואס עֶס וֶועט זַיין אַ שְׁטַארְקֶע אָרֶעמְקֵייט, מֶען וֶועט נִישְׁט הָאבְּן קֵיין פְּרוּטָה אִין טַאשׁ – דֶעמָאלְט וֶועט מָשִׁיחַ בֶּן דָוִד קוּמֶען אוּנְז אוֹיסְלֵייזְן, טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי נָאךְ אַ פְּשַׁט, **הַיְנוּ** וָואס מֵיינְט 'עַד שֶׁתִּכְלֶה פְּרוּטָה מִן הַכִּיס'? **שֶׁיִּכְלוּ הָאֶפִּיקוֹרְסִים** וֶוען עֶס וֶועט זִיךְ עֶנְדִיגְן דִי אַפִּיקוֹרְסִים **שֶׁאֵין לָהֶם אֱמוּנָה בְּנִסִּים** וָואס גְלֵייבְּן נִישְׁט אִין נִסִים, **וּמְכַסִּים** אוּן זֵיי דֶעקְן צוּ, **כָּל הַנִּסִּים** אַלֶע נִסִים, **בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע** מִיט דִי טֶבַע, זֵיי זָאגְן אוֹיף אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט, אַז דָאס אִיז דִי נַאטוּר פוּן דִי וֶועלְט, (דֶער רֶבִּי וֶועט בַּאלְד גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין וִוי דָאס אִיז מְרוּמָז אִין דִי וֶוערְטֶער 'עַד שֶׁתִּכְלֶה פְּרוּטָה מִן הַכִּיס'); נָאר נָאכְדֶעם וָואס עֶס וֶועט מֶער נִישְׁט זַיין קֵיין אַפִּיקוֹרְסִים, דֶעמָאלְט וֶועט זַיין דִי גְאוּלָה, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הוֹיבְּט אָן דִי תּוֹרָה, אַז דֶער עִיקָר גָלוּת אִיז פוּן חִסָרוֹן אֱמוּנָה.

**דֶער** רֶבִּי גֵייט צוּרִיק צוּ פְרִיעֶר, וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז נִסִים מִיט אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז אֵיינְס, **כִּי עִקַּר הַנִּסִּים בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל** וַוייל דֶער עִיקָר נִסִים אִיז אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, **כִּי** וַוייל דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּעֲנִית י.): **'אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל שׁוֹתָה תְּחִלָּה'** אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בַּאקוּמְט עֶרְשְׁט דִי רֶעגְן וַואסֶער אוּן שְׁפֶּעטֶער בַּאקוּמְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, **וּשְׁתִיָּתָהּ** אוּן דִי רֶעגְן וַואסֶער קוּמְט – **מֵהַתְּהוֹמוֹת** פוּן דִי אָפְּגְרוּנְדְן, דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט דִי וָוארְט 'תְּהוֹמוֹת' – אַ לָשׁוֹן פוּן 'נִיסִים', **שֶׁהֵם לְשׁוֹן** 'תְּהוֹם' אִיז אַ לָשׁוֹן וָואס שְׁטֵייט: **'וַתֵּהֹם כָּל הָעִיר'** (רוּת א, יט) אוּן דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט הָאט זִיךְ פַארְוואוּנְדֶערְט אוּן גֶערוּישְׁט; **שֶׁעַל דָּבָר נִסִּי** וַוייל אוֹיף אַ נֵס – **תְּמֵהִין הָעוֹלָם** וואוּנְדֶערְן זִיךְ מֶענְטְשְׁן, אוּן דָאס אִיז פְּשַׁט פוּן 'אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל שׁוֹתָה תְּחִילָה' אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בַּאקוּמְט עֶרְשְׁט רֶעגְן, אַז אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בַּאקוּמְט נִיסִים; וַוייל דִי זַאךְ פוּן רֶעגְן אִיז דָאךְ בְּלוֹיז נִסִים, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּעֲנִית ז:): 'גָּדוֹל יוֹם הַגְּשָׁמִים' דֶער טָאג וָואס עֶס רֶעגְנְט אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, 'כַּיּוֹם שֶׁנִּבְרְאוּ שָׁמַיִם וָאָרֶץ' אַזוֹי וִוי דִי זֶעקְס טֶעג וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַאפְן דִי וֶועלְט;

**וְזֶה** (תְּהִלִּים מ"ב): "תְּהוֹם אֶל תְּהוֹם קוֹרֵא", כִּי יֵשׁ נִסִּין עִלָּאִין, שֶׁהוּא בְּחִינַת תְּהוֹם עִלָּאָה; וְיֵשׁ נִסִּים תַּתָּאִין, שֶׁהֵם בְּחִינַת תְּהוֹמָא תַּתָּאָה. וּמַלְאָךְ שֶׁכָּלוּל מִכָּל הַנִּסִּים, מִשְּׁנֵי הַתְּהוֹמוֹת, דָּמְיָא לְעֶגְלָא (תַּעֲנִית כה:), שֶׁהוּא בְּחִינַת עִגּוּלִים, בְּחִינַת אֱמוּנָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים פ"ט): "וֶאֱמוּנָתְךָ סְבִיבוֹתֶיךָ".

**וּפְרִיטָא** שִׂפְוָתֵהּ, שֶׁהוּא

זעט מען אז אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל איז די פְּלַאץ פון ניסִים, די פְּלַאץ פון אֱמוּנָה.

**וְזֶה** און לויט ווי דער רֶבִּי האט יֶעצט געזאגט איז די ווארט 'תְּהוֹם' אַ לָשׁוֹן פון 'נִסִּים', דאס איז די פְּשַׁט וואס שטייט אין פָּסוּק (תְּהִלִּים מ"ב, ח): 'תְּהוֹם אֶל תְּהוֹם קוֹרֵא' איין 'תְּהוֹם' רופט צו די אַנדערע 'תְּהוֹם', כִּי יֵשׁ נִסִּין עִלָּאִין ווייל עס איז דא צוויי סארט נִסִּים, עס איז דא אָפענע נִסִּים, נִסִּים וואס אַלע קוקן אַרויף צום אייבערשטן, מען זעט אָפן אַז דער אייבערשטער מאכט די וואונדער, שֶׁהוּא בְּחִינַת – דאס ווערט אָנגערופן – תְּהוֹם עִלָּאָה די 'אויבערשטע תְּהוֹם', די אויבערשטע וואונדער, וְיֵשׁ נִסִּים תַּתָּאִין און עס איז דא באהאלטענע נִסִּים וואס זעט אויס ווי טֶבַע, עס זעט אויס ווי די נאטור, די נִסִּים זענען פארשטעלט מיט טֶבַע, שֶׁהֵם בְּחִינַת דאס ווערט אָנגערופן – תְּהוֹמָא תַּתָּאָה 'אונטערשטע תְּהוֹם' די אונטערשטע וואונדער, וּמַלְאָךְ שֶׁכָּלוּל מִכָּל הַנִּסִּים און דער מַלְאָךְ וואס איז געשטעלט אויף ביידע ניסִים, מִשְּׁנֵי הַתְּהוֹמוֹת צו בּרענגען וואסער פאר די וועלט פון אויבן און פון אונטן – דָּמְיָא לְעֶגְלָא (תַּעֲנִית כה:) זעט אויס ווי אַן 'עֶגְלָא'. די גְּמָרָא זאגט, 'אָמַר רַבָּה' רַבָּה האט געזאגט, 'לְדִידִי חֲזֵי לִי' איך האב געזען, 'הַאי רִידְיָא' דער מַלְאָךְ וואס איז געשטעלט אויף בּרענגען רעגן, 'דָּמֵי לְעִיגְלָא' ער זעט אויס ווי אַ קעלבל, 'וּפִירְסָא שִׂפְוָותֵיהּ' און זיינע ליפּן זענען אָפן און געשפּאלטן, 'וְקַיְימָא בֵּין תְּהוֹמָא תַּתָּאָה לִתְהוֹמָא עִילָּאָה' און ער שטייט צווישן די צוויי תְּהוֹמוֹת; טייטשט דער רֶבִּי 'דָּמְיָא לְעֶגְלָא', דער מַלְאָךְ איז רינדעכיג, שֶׁהוּא בְּחִינַת עִגּוּלִים 'עֶגְלָא' איז אַ לָשׁוֹן פון רינדיג, בְּחִינַת אֱמוּנָה דאס ווייזט אויף אֱמוּנָה, ווייל אַ זאך וואס מען פארשטייט מיטן שֵׂכֶל – האט עקן, פון וואו עס הויבט זיך אָן, און ביז וואו עס גייט, אָבער אֱמוּנָה איז אָן פארשטיין, עס האט נישט קיין אָנהויב און נישט קיין ענדע, מען גלייבט אינעם אייבערשטן אָן קיין פארשטיין, אֱמוּנָה איז רינדיג, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוי ווי עס שטייט אין פָּסוּק (תְּהִלִּים פ"ט, ט): 'וֶאֱמוּנָתְךָ סְבִיבוֹתֶיךָ' און דיין אֱמוּנָה איז אַרום דיר; דאס איז די מַדְרֵיגָה צו וואס מען דארף צוקומען, מען זאל זיין אַרום גענומען מיט אֱמוּנָה, מען זאל גארנישט זען און גארנישט שפּירן, מען זאל זען נאר דעם אייבערשטן, מען זאל וויסן אַז אין יעדע ריר און אין יעדע זאך – איז באהאלטן דער באשעפער.

**אויף** זאגט די גְּמָרָא, דער מַלְאָךְ וואס איז געשטעלט אויף רעגן, **וּפְרִיטָא** שִׂפְוָתֵהּ האט געשפּאלטענע ליפּן; **שֶׁהוּא**

דִי ווָאס פַארְדֶעקְן דָאס מִיט טֶבַע; מָשִׁיחַ ווֶעט קוּמֶען נָאר נָאכְדֶעם ווָאס מֶען ווֶעט נִישְׁט פַארְדֶעקְן מֶער דִי נִסִּים ווָאס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט.

בְּחִינַת תְּפִלָּה דָאס מֵיינְט מֶען תְּפִלָּה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק, דָוִד הַמֶּלֶךְ בֶּעט (שָׁם נ"א, יז): **'אֲדֹנָי שְׂפָתַי תִּפְתָּח'** אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶפְן אוֹיף מַיינֶע לִיפְּן, דֶער מַלְאָךְ הָאט גֶעשְׁפָּאלְטֶענֶע אָפֶענֶע לִיפְּן, אוּנְז צוּ לֶערְנֶען מִיר זָאלְן אוֹיךְ עֶפֶענֶען אוּנְזֶערֶע לִיפְּן צוּ רֶעדְן אוּן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **וְהוּא** אוּן ווֶען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **כְּלָלוּת הַנִּסִּים** דָאס בְּרֶענְגְט נִיסִים.

**בְּחִינַת תְּפִלָּה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (שָׁם נ"א): **"אֲדֹנָי שְׂפָתַי תִּפְתָּח", וְהוּא כְּלָלוּת הַנִּסִּים.**

**וְזֶה פֵּרוּשׁ: 'עַד שֶׁתִּכְלֶה פְּרוּטָה מִן הַכִּיס'; כִּי יֵשׁ בְּנֵי־אָדָם הַמְכַסִּים כְּלָלִיּוּת הַנִּסִּים, הַכְּלוּלִים בַּמַּלְאָךְ דִּפְרִיטָא שִׂפְוָתֵהּ, מְכַסִּים בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע.**

**וְזֶה פֵּרוּשׁ** דָאס אִיז דִי פְּשַׁט אִין דִי גְמָרָא, מָשִׁיחַ ווֶעט נִישְׁט קוּמֶען – **'עַד שֶׁתִּכְלֶה פְּרוּטָה מִן הַכִּיס'** נָאר ווֶען עֶס ווֶעט זִיךְ עֶנְדִיגְן דִי פְּרוּטָה פוּן כִּיס [טַאשׁ], טַייטְשְׁט אוֹיס דֶער רֶבִּי דֶעם מַאֲמַר חֲזַ"ל, אַז דָאס מֵיינְט ווֶען עֶס ווֶעט מֶער נִישְׁט זַיין קַיין אַפִּיקוֹרְסִים. **כִּי יֵשׁ בְּנֵי אָדָם** ווַייל עֶס אִיז פַארַהאן מֶענְטְשְׁן, **הַמְכַסִּים** ווָאס דֶעקְן צוּ, **כְּלָלִיּוּת הַנִּסִּים** דִי נִיסִים ווָאס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט, **הַכְּלוּלִים בַּמַּלְאָךְ** ווָאס קוּמֶען דוּרְךְ דֶעם מַלְאָךְ – **דִּפְרִיטָא שִׂפְוָתֵהּ** ווָאס הָאט גֶעשְׁפָּאלְטֶענֶע לִיפְּן, **מְכַסִּים בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע** אוּן זֵיי פַארְדֶעקְן עֶס מִיטְן זָאגְן אַז עֶס אִיז 'טֶבַע'; דָאס זָאגְן אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים, מָשִׁיחַ ווֶעט קוּמֶען נָאר נָאכְדֶעם 'שֶׁתִּכְלֶה' ווֶען עֶס ווֶעלְן זִיךְ עֶנְדִיגְן – 'פְּרוּטָה מִן הַכִּיס', 'פְּרוּטָה' דָאס אִיז דֶער מַלְאָךְ מִיט דִי גֶעשְׁפָּאלְטֶענֶע לִיפְּן, דָאס אִיז תְּפִלָּה – 'מִן הַכִּיס' פוּן דִי ווָאס זֶענֶען דָאס 'מְכַסֶּה',

**מִיט** דֶעם קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין ווָאס דִי חֲכָמִים זָאגְן (תַּעֲנִית ח:): 'גָּדוֹל יוֹם הַגְּשָׁמִים כְּיוֹם קִיבּוּץ גָּלֻיּוֹת' דֶער טָאג ווָאס עֶס רֶעגְנְט אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַזוֹי ווִי ווֶען מָשִׁיחַ ווֶעט קוּמֶען, עֶר ווֶעט צַאמְנֶעמֶען דִי אִידְן פוּן גָלוּת אוּן זֵיי אַרוֹיפְבְּרֶענְגֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; ווַייל ווֶען עֶס רֶעגְנְט – ווֶערְט אַנְטְפְּלֶעקְט אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶּער אוֹיף דִי ווֶעלְט ווָאס מַאכְט אַלֶעס, אוּן דוּרְכְדֶעם ווֶעט זַיין דִי גְאוּלָה, 'כִּי אֵין הַגָּלֻיּוֹת מִתְכַּנְּסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת אֱמוּנָה' (מְכִילְתָּא בְּשַׁלַּח, סוֹף פֶּרֶק ו), מָשִׁיחַ ווֶעט קוּמֶען נָאר בִּזְכוּת אֱמוּנָה, אוּן אוֹיךְ קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין ווָאס דִי חֲכָמִים זָאגְן (תַּעֲנִית, דְּארְט): 'גָּדוֹל יוֹם הַגְּשָׁמִים שֶׁאֲפִילוּ פְּרוּטָה שֶׁבַּכִּיס מִתְבָּרְכוֹת' [אַ טָאג ווָאס עֶס גֵייט אַ רֶעגְן אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז אֲפִילוּ דִי גֶעלְט אִין טַאשׁ ווֶערְט גֶעבֶּענְטְשְׁט], אוּן לוֹיט ווִי דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט 'פְּרוּטָה מִן הַכִּיס', דָאס מֵיינְט תְּפִלָּה, אִיז פְּשַׁט, דֶער טָאג ווָאס רֶעגְנְט אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, 'אֲפִילוּ פְּרוּטָה שֶׁבַּכִּיס מִתְבָּרֶכֶת' מֶען הוֹיבְּט אָן עֶפֶענֶען דִי לִיפְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען ווֶערְט שְׁטַארְק אִין תְּפִלָּה; ווַייל דוּרְךְ רֶעגְן זֶעט מֶען אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן

דִי אָפֶענֶע גֶעשְׁפָּאלְטֶענֶע לִיפְּן וֶוערְן גֶעבֶּענְטְשְׁט, 'מִן הַכִּיס' פוּן זַיין צוּגֶעדֶעקְט; אַלֶע הוֹיבְּן אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען מֶען זֶעט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִּירְט אַלֶעס אוּן מַאכְט אַלֶעס.

**וּכְשֶׁתִּכְלֶה זֹאת** וְתִתְרַבֶּה אֱמוּנָה בָּעוֹלָם, **אָז יָבוֹא מָשִׁיחַ, כִּי עִקַּר הַגְּאֻלָּה תָּלוּי בָּזֶה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "תָּבוֹאִי, תָּשׁוּרִי מֵרֹאשׁ אֲמָנָה".**

**ב אֲבָל אִי אֶפְשָׁר לָבוֹא לֶאֱמוּנָה אֶלָּא עַל־יְדֵי אֱמֶת, כַּמּוּבָא בַּזֹּהַר** (בָּלָק קצח:): **"וְהָיָה צֶדֶק אֵזוֹר מָתְנָיו וֶאֱמוּנָה" וְכוּ'** (יְשַׁעְיָהוּ י"א) **— הַיְנוּ צֶדֶק, הַיְנוּ אֱמוּנָה. וְאָמְרוּ שָׁם: 'אֱמוּנָה אִתְקְרִיאַת, כַּד אִתְחַבַּר בַּהּ אֱמֶת'.**

**ג וְאִי־אֶפְשָׁר לָבוֹא לֶאֱמֶת אֶלָּא עַל־יְדֵי הִתְקָרְבוּת**

**וּכְשֶׁתִּכְלֶה זֹאת** און וֶוען עֶס וֶועט זִיךְ עֶנְדִיגְן דִי אַפִּיקוֹרְסוּת, **וְתִתְרַבֶּה אֱמוּנָה בָּעוֹלָם** און עֶס וֶועט פַארְמֶערְט וֶוערְן דִי אֱמוּנָה אִין דִי וֶועלְט - **אָז יָבוֹא מָשִׁיחַ** דֶעמָאלְט וֶועט מָשִׁיחַ קוּמֶען, און מָשִׁיחַ וֶועט אַריינְבְּרֶענְגֶען בִּשְׁלֵמוּת דִי אֱמוּנָה, **כִּי עִקַּר הַגְּאֻלָּה** וַוייל דִי עִיקָר גְאוּלָה, **תָּלוּי בָּזֶה** אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין אֱמוּנָה, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (שִׁיר הַשִּׁירִים ד, ח): **'תָּבוֹאִי'** אִיךְ וֶועל מִיט קוּמֶען מִיט דִי אִידְן, **'תָּשׁוּרִי'** און דַאן וֶועט מֶען זֶען, מֶען וֶועט זִיךְ מִתְבּוֹנֵן זַיין, אִין וָואס פַאר אַ זְכוּת אִיז מֶען אוֹיסְגֶעלֵייזְט גֶעוָוארְן? וֶועט מֶען זֶען אַז **'מֵרֹאשׁ אֲמָנָה'** און דִי זְכוּת וָואס מֶען הָאט גֶעגְלֵייבְּט שׁוֹין פוּן אָנְהוֹיבּ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין דֶעם זְכוּת אִיז מֶען אוֹיסְגֶעלֵייזְט גֶעוָוארְן.

**ב אֲבָל אִי אֶפְשָׁר לָבוֹא לֶאֱמוּנָה** אָבֶער מֶען קֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ הָאבְּן אֱמוּנָה - **אֶלָּא עַל יְדֵי אֱמֶת** נָאר דוּרְךְ אֱמֶת [רִיכְטִיגְקֵייט], **כַּמּוּבָא בַּזֹּהַר** אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (בָּלָק קצח:) אוֹיפְן פָּסוּק, דֶער נָבִיא זָאגְט וָואס וֶועט זַיין וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען: **'וְהָיָה צֶדֶק אֵזוֹר מָתְנָיו'** און מָשִׁיחַ'ס גַארְטְל פוּן זַיינֶע לֶענְדְן וֶועט זַיין - 'צֶדֶק' גֶערֶעכְטִיגְקֵייט, **'וֶאֱמוּנָה וְכוּ''** און בַּאגְלֵייבְּטְקֵייט וֶועט זַיין - **'אֵזוֹר חֲלָצָיו'** דֶער גַארְטְל פוּן זַיינֶע לֶענְדְן (יְשַׁעְיָהוּ י"א, ה), פְּרֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר **הַיְנוּ צֶדֶק הַיְנוּ אֱמוּנָה** צֶדֶק און אֱמוּנָה זֶענֶען דָאךְ אֵיין זַאךְ, וָואס כַאפְּט עֶר דָאס אָן וִוי צְוֵויי זַאכְן? **וְאָמְרוּ שָׁם** זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר, **'אֱמוּנָה אִתְקְרִיאַת'** דִי מַלְכוּת וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'אֱמוּנָה', **כַּד אִתְחַבַּר בַּהּ אֱמֶת** וֶוען עֶס קוּמְט זִיךְ צַאם אִינְאֵיינֶעם מִיט 'אֱמֶת', רִיכְטִיגְקֵייט; וַוייל נָאר דוּרְךְ 'אֱמֶת' קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ אַ רֵיינֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה. [וַוייל יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט אֱמוּנָה, אֲפִילוּ דֶער גוֹי הָאט אוֹיךְ אֱמוּנָה, אָבֶער זַיין אֱמוּנָה אִיז אִין לִיגְנְט, עֶר גְלֵייבְּט אִין עֲבוֹדָה זָרָה, אָבֶער דָאס אִיז נִישְׁט דִי אֱמֶת'עֶ אֱמוּנָה; נָאר אַזַא אֱמוּנָה וָואס אִיז מִיט 'אֱמֶת', אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס אִיז שְׁלֵימוּת אֱמוּנָה, אַ רִיכְטִיגֶע אֱמוּנָה].

**ג וְאִי אֶפְשָׁר לָבוֹא לֶאֱמֶת** און צוּ אֱמֶת קֶען מֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען - **אֶלָּא עַל יְדֵי**

**לְצַדִּיקִים וְיֵלֵךְ בְּדֶרֶךְ עֲצָתָם; וְעַל-יְדֵי שֶׁמְּקַבֵּל מֵהֶם עֲצָתָם, נֶחְקָק בּוֹ אֱמֶת; כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים נ"א): "הֵן אֱמֶת חָפַצְתָּ" — כְּשֶׁאַתָּה חָפֵץ אֱמֶת; "בַּטֻּחוֹת וּבְסָתֻם חָכְמָה תוֹדִיעֵנִי". כִּי הָעֵצוֹת שֶׁמְּקַבֵּל מֵהֶם הוּא בְּחִינַת נִשּׂוּאִין וְזִוּוּג,**

הִתְקָרְבוּת לְצַדִּיקִים נָאר דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען וֶוערְט נָאנְט צוּ צַדִּיקִים, **וְיֵלֵךְ בְּדֶרֶךְ עֲצָתָם** אוּן מֶען גֵייט אִין דִי וֶועג פוּן זֵייעֶרֶע עֵצוֹת. וַוייל אָן אַ צַדִּיק נַארְט מֶען זִיךְ, וַוייל דִי צַדִּיקִים זֶענֶען אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעטוֹן פוּן דִי וֶועלְט, זֵיי זֶענֶען צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַלֶע זֵייעֶרֶע עֵצוֹת אִיז נָאר פוּן תַּכְלִית, פוּן יֶענֶע וֶועלְט, זֵיי גֶעבְּן עֵצוֹת פַארְן מֶענְטְשׁ וִוי זִיךְ צוּרִיק צוּ קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **וְעַל יְדֵי שֶׁמְּקַבֵּל מֵהֶם עֲצָתָם** אוּן דוּרְכְדֶעם וָואס דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט אָן זֵייעֶרֶע עֵצוֹת, **נֶחְקָק בּוֹ אֱמֶת** וֶוערְט אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין אִים אֱמֶת. וַוייל דִי עֵצוֹת פוּן צַדִּיק אִיז דִי שֵׂכֶל פוּן צַדִּיק, אוּן דִי שֵׂכֶל פוּן צַדִּיק אִיז זֵייעֶר לוֹיטֶער אוּן הֵיילִיג, עֶס אִיז 'כּוּלוֹ זֶרַע אֱמֶת', דִי עֵצוֹת זֶענֶען דִי טְרָאפְּלֶעךְ פוּן זַיין שֵׂכֶל, אוּן וֶוער עֶס פָּאלְגְט דִי עֵצוֹת, אִיז אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט דָאס נִישְׁט, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען טוּט דָאס - וֶוערְט אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין אִים 'אֱמֶת' אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ אֱמוּנָה, אוּן דוּרְכְדֶעם וֶועט זַיין דִי גְּאוּלָה, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים נ"א, ח): 'הֵן **אֱמֶת** חָפַצְתָּ' דוּ בַּאשֶׁעפֶער בַּאגֶערְסְט צוּ זֶען דִי אֱמֶת'דִיגְקֵייט - 'בַּטֻּחוֹת' אִין מַיינֶע נִירְן, 'וּבְסָתֻם' אוּן דוּ ווִילְסְט זֶען אִין מַיין הַארְץ וָואס אִיז פַארְבָּארְגְן, אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ טַאקֶע תְּשׁוּבָה גֶעטוֹן, 'חָכְמָה תוֹדִיעֵנִי' הָאסְטוּ מִיר אוֹיסְגֶעלֶערְנְט זִיךְ צוּ מִתְוַדֶּה זַיין, טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי: **כְּשֶׁאַתָּה חָפֵץ אֱמֶת** וֶוער עֶס ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּצוּקוּמֶען צוּם אֱמֶת - **'בַּטֻּחוֹת'** דָאס אִיז דִי נִירְן, וָואס פוּן דִי נִירְן קוּמְט דִי עֵצוֹת, **'וּבְסָתֻם'** דָאס אִיז דִי הַארְץ; **'חָכְמָה תוֹדִיעֵנִי'** דוּרְךְ אוֹיסְהֶערְן דִי עֵצוֹת פוּן דִי צַדִּיקִים קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּצוּקוּמֶען צוּם 'אֱמֶת', **כִּי הָעֵצוֹת שֶׁמְּקַבֵּל מֵהֶם** וַוייל דִי עֵצוֹת וָואס מֶען אִיז מְקַבֵּל פוּן דִי צַדִּיקִים, **הוּא בְּחִינַת נִשּׂוּאִין וְזִוּוּג** אִיז אַזוֹי וִוי מַאן אוּן וַוייבּ וָואס וֶוערְן אֵיינְס דוּרְךְ חֲתוּנָה הָאבְּן, אַזוֹי אוֹיךְ דֶער צַדִּיק אִיז דֶער מַשְׁפִּיעַ, עֶר גֶעבְּט דִי 'זֶרַע אֱמֶת', אוּן דֶער וָואס נֶעמְט עֶס אָן - אִיז דֶער מְקַבֵּל, עֶס אִיז אַזוֹי וִוי מֶען הָאט חֲתוּנָה מִיטְן צַדִּיק, אוּן אַזוֹי וֶוערְט אִין אִים אַיינְגֶעקְרִיצְט אֱמֶת, אוּן אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען אֱמוּנָה.

[דֶער צַדִּיק גֶעבְּט גוּטֶע עֵצוֹת, זַיינֶע עֵצוֹת בְּרֶענְגֶען דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ עוֹלָם הַבָּא, דֶער צַדִּיק גֶעבְּט אַן עֵצָה מֶען זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, מֶען זָאל נִישְׁט פַארְפֶעלְן קֵיין אֵיין טָאג פוּן לֶערְנֶען דִי וָואכֶעדִיגֶע פַּרְשָׁה שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם מִיט רַשִׁ"י, אַיינְגֶעטֵיילְט לוֹיט דִי טֶעג פוּן דִי וָואךְ, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אוּן מֶען זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִשְׁנָיוֹת אוּן גְּמָרָא, אוּן אוֹיךְ אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דָאס לֶערְנֶען זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער

פוּן די תּוֹרָה, בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין די הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; די עֵצוֹת פוּן צַדִּיק בְּרֶענְגְט צוּ עוֹלָם הַבָּא].

**וּכְשֶׁמְּקַבְּלִין** עֵצוֹת מֵרְשָׁעִים און חַס וְשָׁלוֹם אוֹיב מֶען נֶעמְט אָן די עֵצוֹת פוּן רְשָׁעִים – הוּא בְּחִינַת נִשּׂוּאִין בַּקְּלִפָּה איז דָאס אַזוֹי ווי מֶען הָאט חֲתוּנָה מִיטְן רָשָׁע, מֶען וֶוערְט אֵיינְס מִיט אִים, און דֶערְפַאר ווען חַוָּה הָאט גֶעפָאלְגְט די עֵצָה פוּן די שְׁלַאנְג און גֶעטוּן די עֲבֵירָה, גֶעגֶעסְן פוּן די עֵץ הַדַּעַת – שְׁטֵייט דֶער לָשׁוֹן: 'הַנָּחָשׁ הִשִּׁיאַנִי' דֶער שְׁלַאנְג הָאט מִיךְ אִיבֶּערְגֶערֶעדְט (בְּרֵאשִׁית ג, יא), 'הִשִּׁיאַנִי' לְשׁוֹן נִשּׂוּאִין איז אַ לָשׁוֹן פוּן חֲתוּנָה הָאבְּן, עֲצוֹת הַנָּחָשׁ שֶׁקִּבְּלָה די שְׁלֶעכְטֶע עֵצָה פוּנֶעם שְׁלַאנְג, וָואס חַוָּה הָאט אָנְגֶענוּמֶען פוּן 'וִהְיִיתֶם כֵּאלֹקִים' די פַאלְשֶׁע אֱמוּנָה – הוּא בְּחִינַת נִשּׂוּאִין דָאס איז אַזוֹי ווי חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט די קְלִיפּוֹת, ווייל די עֵצוֹת קוּמֶען פוּן די נִירְן און דָאס וֶוערְט אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס נֶעמְט עֶס אָן, און דָאס איז וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קמו.) דֶער שְׁלַאנְג הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט חַוָּה, און אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אִיר אַ טוּמְאָה, וְעַל יְדֵי נִשּׂוּאִין און דוּרְכְדֶעם וָואס זי הָאט אָנְגֶענוּמֶען די עֵצָה און גֶעוָוארְן אֵיינְס מִיטְן שְׁלַאנְג – הֵטִיל בָּהּ

**וּכְשֶׁמְּקַבְּלִין** עֵצוֹת מֵרְשָׁעִים, הוּא בְּחִינַת נִשּׂוּאִין בַּקְּלִפָּה. "הַנָּחָשׁ הִשִּׁיאַנִי" (בְּרֵאשִׁית ג) — לְשׁוֹן נִשּׂוּאִין, עֲצוֹת הַנָּחָשׁ שֶׁקִּבְּלָה הוּא בְּחִינַת נִשּׂוּאִין, וְעַל־יְדֵי נִשּׂוּאִין הֵטִיל בָּהּ זֻהֲמָא. וּבְמַעֲמַד הַר־סִינַי פָּסְקָה זֻהֲמָתָן (שַׁבָּת קמו. עַיֵּן רַשִׁ"י שָׁם), כִּי שָׁם קִבְּלוּ תַּרְיַ"ג עֵטִין דִּקְדֻשָּׁה (זֹהַר יִתְרוֹ פ"ב:), וְהָיְתָה לָהֶם נִשּׂוּאִין בִּקְדֻשָּׁה.

**וְלָמָּה** נִקְרָא עֵצָה בִּבְחִינַת נִשּׂוּאִין? כִּי (בְּרָכוֹת סא.)

זֻהֲמָא הָאט דֶער שְׁלַאנְג אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אִיר די טוּמְאָה פוּן גֵיין קֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**וּבְמַעֲמַד** הַר סִינַי און ווען מֶען איז גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים בַּארְג סִינַי צוּ מְקַבֵּל זַיין די תּוֹרָה – פָּסְקָה זֻהֲמָתָן איז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען די טוּמְאָה פוּן אַלֶע אִידְן, (די טוּמְאָה פוּן אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן) (שַׁבָּת קמו. עַיֵּן רַשִׁ"י שָׁם), כִּי שָׁם קִבְּלוּ ווייל דָארְט הָאבְּן די אִידְן בַּאקוּמֶען – תַּרְיַ"ג עֵטִין דִּקְדֻשָּׁה די זֶעקְס הוּנְדֶערְט און דְרַייצְן הֵיילִיגֶע עֵצוֹת, (זֹהַר יִתְרוֹ פ"ב:) ווייל דֶער הֵיילִיגֶער זֹהַר זָאגְט אַז די זֶעקְס הוּנְדֶערְט און דְרַייצְן מִצְוֹת זֶענֶען זֶעקְס הוּנְדֶערְט און דְרַייצְן עֵצוֹת ווי אַזוֹי זִיךְ צוּרִיק צוּ קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאל נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וְהָיְתָה לָהֶם נִשּׂוּאִין בִּקְדֻשָּׁה און עֶס איז גֶעוֶוען אַ הֵיילִיגֶע חֲתוּנָה, און דֶערְפַאר רוּפְט מֶען אָן 'קַבָּלַת הַתּוֹרָה' – די חֲתוּנָה פוּן די אִידְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יַלְקוּט שִׁיר הַשִּׁירִים, רֶמֶז תתקפז): 'בְּיוֹם חֲתֻנָּתוֹ, בְּסִינַי' די חֲתוּנָה פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן כִּבְיָכוֹל, איז גֶעוֶוען בַּיים בַּארְג סִינַי.

**וְלָמָּה** נִקְרָא עֵצָה בִּבְחִינַת נִשּׂוּאִין? און פַארְוָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן עֵצוֹת –

'הַכְּלָיוֹת יוֹעֲצוֹת', וּכְלָיוֹת הֵם כְּלֵי הַהוֹלָדָה, כְּלֵי הַזֶּרַע. נִמְצָא, כְּשֶׁמְּקַבְּלִין עֵצָה מֵאָדָם, כְּאִלּוּ מְקַבְּלִין מִמֶּנּוּ זֶרַע; וְהַכֹּל לְפִי אָדָם, אִם רָשָׁע אוֹ צַדִּיק. וּבִשְׁבִיל זֶה הַתּוֹרָה מַתִּישׁ כֹּחַ (סַנְהֶדְרִין כו:) וְנִקְרֵאת 'תּוּשִׁיָּה', כִּי הֵם תַּרְיַ"ג עֵטִין, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (מִשְׁלֵי ח): "לִי עֵצָה וְתוּשִׁיָּה". וְעֵצוֹת הֵם בִּמְקוֹם נִשּׂוּאִין, בְּחִינַת זִוּוּג הַמַּתִּישׁ כֹּחַ. וַעֲצַת הַצַּדִּיק הוּא כֻּלּוֹ זֶרַע אֱמֶת.

**וְזֶה** פֵּרוּשׁ (יִרְמְיָה ב): "וְאָנֹכִי נְטַעְתִּיךְ שׂוֹרֵק" —

חַתוּנָה הָאבְּן? כִּי ווייל די הייליגע חֲכָמִים זאגן (בְּרָכוֹת סא.): **'הַכְּלָיוֹת יוֹעֲצוֹת'** די נירן פונעם מענטש געבן די עצות, **וּכְלָיוֹת הֵם כְּלֵי הַהוֹלָדָה** און אויך זענען די נירן וואס מאכן געבוירן, **כְּלֵי הַזֶּרַע** די קינדער קומען פון די נירן, **נִמְצָא** קומט אויס, אז סיי די עצות און סיי די קינדער – קומען פון די זעלבע פלאץ, **כְּשֶׁמְּקַבְּלִין עֵצָה מֵאָדָם** און ווען מען נעמט אן עצה פון א מענטש, **כְּאִלּוּ מְקַבְּלִין מִמֶּנּוּ זֶרַע** איז דאס גערעכנט אזוי ווי מען באקומט פון יענעם קינדער, **וְהַכֹּל לְפִי אָדָם** און אלעס ווענדט זיך אינעם ראטגעבער, **אִם רָשָׁע** אויב איז יענער א רשע, **אוֹ צַדִּיק** אדער א צדיק.

[דערפאר דארף מען זיך זייער אכטונג געבן נישט אנצונעמען די עצות פון א רשע, ווייל זייערע עצות פירן צום אפגרונד רחמנא לצלן, זייערע עצות נעמען אוועק דעם מענטש פונעם אייבערשטן, מען דארף זוכן דעם צדיק און זיך מבטל זיין צום צדיק, אננעמען זיינע עצות, און נישט אויסהערן די רשעים וואס הערצן און שפעטן פון די הייליגע צדיקים].

**וּבִשְׁבִיל** זֶה דעריבער זאגן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: **הַתּוֹרָה מַתִּישׁ כֹּחַ** דאס לערנען די הייליגע תּוֹרָה שוואכט אפ דעם מענטש (סַנְהֶדְרִין כו:), **וְנִקְרֵאת** און די תּוֹרָה ווערט אנגערופן: **'תּוּשִׁיָּה'** תּוּשִׁיָּה, א לשון פון אפשוואכן, **כִּי הֵם תַּרְיַ"ג עֵטִין** ווייל די תּוֹרָה איז תַּרְיַ"ג עצות, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (מִשְׁלֵי ח, יד): **'לִי'** ביי מיר [ביי די תּוֹרָה], **'עֵצָה וְתוּשִׁיָּה'** איז דא אן עצה און קלוגשאפט, ווי אזוי געראטעוועט צו ווערן פונעם יֵצֶר הָרָע, **וְעֵצוֹת הֵם בִּמְקוֹם נִשּׂוּאִין** און אזוי ווי פריער אויסגעשמועסט, אז די עצות קומט פון די זעלבע פלאץ וואו די קינדער קומט, **בְּחִינַת זִוּוּג הַמַּתִּישׁ כֹּחַ** אזוי ווי זיווג וואס שוואכט אפ דעם מענטש, אזוי ווי עס ווערט געברענגט (שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים סִימָן רמ, סְעִיף יד), דאס איז די כֹּחַ פונעם מענטש, און מען ווערט מען אפגעשוואכט.

**וַעֲצַת** הַצַּדִּיק הוּא אבער די עצות פונעם צדיק - **'כֻּלּוֹ זֶרַע אֱמֶת'** איז איין שטיק אמת (יִרְמְיָה ב, כא), און דורך אמת קומט מען צו אמונה וואס דורכדעם ווערט זיין די גְאוּלָה.

**וְזֶה** פֵּרוּשׁ און דאס איז וואס שטייט אין פסוק (יִרְמְיָה ב, כא), יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא קרעכצט אויף די אידישע קינדער, ווי קען זיין אז די אידן זענען אזוי פארקרעכן, **'וְאָנֹכִי'** און איך אייבערשטער, **'נְטַעְתִּיךָ'**

**בְּחִינַת הַגְּאֻלָּה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (זְכַרְיָה י): **"אֶשְׁרְקָה לָהֶם וַאֲקַבְּצֵם", וְעַל-יְדֵי מָה? עַל-יְדֵי: "כֻּלּוֹ זֶרַע אֱמֶת" (שָׁם בְּיִרְמְיָה סִיּוּם הַפָּסוּק "וְאָנֹכִי נְטַעְתִּיךְ" הַנַּ"ל) — עַל-יְדֵי עֲצַת הַצַּדִּיקִים תָּבוֹא לֶאֱמֶת. וְעַל-יְדֵי-זֶה נִקְרֵאת אֱמוּנָה, כַּד אִתְחַבַּר בַּהּ אֱמֶת, וְעַל-יְדֵי-זֶה תָּבוֹא הַגְּאֻלָּה כַּנַּ"ל, כִּי הוּא מְקַבֵּל טִפֵּי הַשֵּׂכֶל שֶׁל הַצַּדִּיק עַל-יְדֵי עֵצָה שֶׁמְּקַבֵּל מִמֶּנּוּ.**

**וְזֶה: "הֵן אֱמֶת חָפַצְתָּ בַטֻּחוֹת" — בַּכְּלָיוֹת; "חָכְמָה תוֹדִיעֵנִי" — שֶׁאֶזְכֶּה לְקַבֵּל טִפֵּי הַמֹּחַ, טִפֵּי הַשֵּׂכֶל, עַל-יְדֵי עֵצָה שֶׁאֲקַבֵּל מֵהֶם; וְאָז אֶזְכֶּה**

שׂוֹרֵק' הָאבּ דִיךְ אַייְנגֶעפְּלַאנְצְט מִיט אַ גוּטֶע וַויינְשְׁטָאק, 'כֻּלֹּה זֶרַע אֱמֶת' אַלֶע זֶענְט אִיר קִינְדֶער פוּן אֱמֶתְ'עֶ עֶלְטֶערְן, וָואלְטְן עֶנְק גֶעדַארְפְט זַיין אַזוֹי ווִי זַיי, 'וְאֵיךְ נֶהְפַּכְתְּ לִי', אוּן ווִי אַזוֹי בִּיסְטוּ אִיבֶּערְגֶעקֶערְט גֶעוָוארְן, 'סוּרֵי הַגֶּפֶן נָכְרִיָּה' צוּ זַיין ווִי אַן אָפְּגֶעקֶערְטֶע פְרֶעמְדֶע ווִילְדֶע וַויינְשְׁטָאק וָואס וַואקְסְט אִין וַואלְד? זָאגְט דֶער רֶבִּי, 'נְטַעְתִּיךְ שׂוֹרֵק' - **בְּחִינַת הַגְּאֻלָּה** דָאס מֵיינְט מֶען דִי גְאוּלָה, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (זְכַרְיָה י, ח) דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דִי צַייט פוּן דִי גְאוּלָה: 'אֶשְׁרְקָה לָהֶם' וֶועל אִיךְ גֶעבְּן אַ פַייף, 'וַאֲקַבְּצֵם' דָאס וֶועט זַיין אַ סִימָן אַז אַלֶע אִידְן זָאלְן זִיךְ צַאמְנֶעמֶען, דָא זֶעט מֶען אַז בַּיי דִי גְאוּלָה שְׁטֵייט אַ לָשׁוֹן פוּן 'אֶשְׁרְקָה', אַזוֹי אוֹיךְ דֶער לָשׁוֹן 'שׂוֹרֵק' אִיז אוֹיךְ מְרַמֵּז אוֹיף דִי גְאוּלָה, **וְעַל יְדֵי מָה** אוּן דוּרְךְ וָואס וֶועט זַיין דִי גְאוּלָה? **עַל יְדֵי** דוּרְךְ, **'כֻּלּוֹ זֶרַע אֱמֶת'** כֻּלֹּה זֶרַע אֱמֶת, (**שָׁם בְּיִרְמְיָה סִיּוּם הַפָּסוּק** דָאס אִיז דֶער אוֹיסְפִיר פוּנֶעם פָּסוּק 'וְאָנֹכִי נְטַעְתִּיךְ' הַנַּ"ל וָואס אִיז אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט) **עַל יְדֵי עֲצַת הַצַּדִּיקִים** דוּרְךְ דִי עֵצוֹת פוּן דִי צַדִּיקִים **תָּבוֹא לֶאֱמֶת** אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ קוּמֶען צוּם אֱמֶת, **וְעַל יְדֵי זֶה** אוּן אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ קוּמֶען צוּם אֱמֶת - **נִקְרֵאת אֱמוּנָה** אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אֱמוּנָה, וַוייל דִי רִיכְטִיגֶע אֱמוּנָה אִיז - **כַּד אִתְחַבַּר בַּהּ אֱמֶת** וֶוען עֶס אִיז מִיט אֱמֶת, **וְעַל יְדֵי זֶה תָּבוֹא הַגְּאֻלָּה** אוּן דוּרְכֶדֶעם וֶועט קוּמֶען דִי גְאוּלָה, **כַּנַּ"ל** אַזוֹי ווִי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, **כִּי הוּא מְקַבֵּל טִפֵּי הַשֵּׂכֶל שֶׁל הַצַּדִּיק** וַוייל עֶר בַּאקוּמְט טְרָאפְּלֶעךְ שֵׂכֶל פוּנֶעם צַדִּיק, **עַל יְדֵי עֵצָה** דוּרְךְ דִי עֵצוֹת, **שֶׁמְּקַבֵּל מִמֶּנּוּ** וָואס עֶר בַּאקוּמְט פוּנֶעם צַדִּיק.

**וְזֶה** אוּן דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק: **'הֵן אֱמֶת חָפַצְתָּ'** וֶוער עֶס ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּם 'אֱמֶת' **'בַטֻּחוֹת'** - **בַּכְּלָיוֹת** דָאס אִיז דוּרְךְ דִי נִירְן, וָואס פוּן דִי נִירְן קוּמְט דִי עֵצוֹת, **'חָכְמָה תוֹדִיעֵנִי'** וַוייל דוּרְךְ דִי קְלוּגֶע אֱמֶתְ'עֶ עֵצוֹת פוּנֶעם צַדִּיק וֶועל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ אֱמֶת, דָאס הֵייסְט, **שֶׁאֶזְכֶּה** אִיךְ וֶועל זוֹכֶה זַיין, **לְקַבֵּל טִפֵּי הַמֹּחַ** צוּ בַּאקוּמֶען טְרָאפְּלֶעךְ פוּנֶעם מֹחַ, **טִפֵּי הַשֵּׂכֶל** טְרָאפְּלֶעךְ שֵׂכֶל, **עַל יְדֵי עֵצָה** דוּרְךְ דִי עֵצוֹת, **שֶׁאֲקַבֵּל מֵהֶם** וָואס אִיךְ וֶועל בַּאקוּמֶען פוּנֶעם צַדִּיק, **וְאָז אֶזְכֶּה לֶאֱמֶת**

און דֶעמָאלט וֶועל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּם אֱמֶת, כִּי הַטִּפֵּי הַשֵּׂכֶל ווייל די טְרָאפְּלֶעךְ שֵׂכֶל, נִקְרָא וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן: 'כֻּלּוֹ זֶרַע אֱמֶת' אִינְגַאנְצְן אֱמֶת'ע קִינְדֶער.

**לֶאֱמֶת, כִּי הַטִּפֵּי הַשֵּׂכֶל נִקְרָא "כֻּלּוֹ זֶרַע אֱמֶת".**

**ד וְדַע, שֶׁעַל־יְדֵי מִצְוַת צִיצִית הָאָדָם נִצּוֹל מֵעֲצַת הַנָּחָשׁ, מִנִּשּׂוּאִין שֶׁל רָשָׁע, מִבְּחִינַת נִאוּף, כִּי צִיצִית שְׁמִירָה לְנִאוּף;**

ד יֶעצְט גֵייט דֶער רֶבִּי גֶעבְּן אַן עֵצָה ווִי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ רַאטֶעוֶועוְן פוּן דִי עֵצוֹת פוּן דִי רְשָׁעִים, ווייל מֶען דְרֵייט זִיךְ דָא אַרוּם אִין דִי וֶועלְט וואוּ רוֹב מֶענְטְשְׁן זֶענֶען ווייט פוּנֶעם אייבֶּערְשְׁטְן, און מֶען הֶערְט יֶעדְן אֵיינֶעמְ'ס מֵיינוּנְגֶען און עֵצוֹת, און מֶען דַארְף הָאבְּן רַחֲמֵי שָׁמַיִם זִיךְ צוּ רַאטֶעוֶועוְן פוּן דִי עֵצוֹת פוּן דִי רְשָׁעִים.

**וְדַע** און דוּ זָאלְסְט ווִיסְן, שֶׁעַל יְדֵי מִצְוַת צִיצִית אַז דוּרְךְ דִי מִצְוָה פוּן צִיצִית – הָאָדָם נִצּוֹל וֶוערְט דֶער מֶענְטְשׁ גֶערַאטֶעוֶועט מֵעֲצַת הַנָּחָשׁ פוּן דִי עֵצָה פוּן דִי שְׁלַאנְג, מִנִּשּׂוּאִין שֶׁל רָשָׁע פוּן וֶוערְן אֵיינְס מִיטְן רָשָׁע, מִבְּחִינַת נִאוּף פוּן אַרָאפְּפַאלְן אִין נִיאוּף רַחֲמָנָא לִצְלָן, כִּי צִיצִית שְׁמִירָה לְנִאוּף ווייל דִי מִצְוָה פוּן צִיצִית הִיט אָפּ פוּן נִיאוּף.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (מְנָחוֹת מד.): 'מַעֲשֶׂה בְּאָדָם אֶחָד שֶׁהָיָה זָהִיר בְּמִצְוַת צִיצִית' עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעהִיטְן דִי מִצְוָה פוּן צִיצִית, עֶר אִיז פַארְשְׁלֶעפְּט גֶעוָוארְן אִין אַ נִסָּיוֹן פוּן טוּן אַן עֲבֵירָה מִיט אַ גוֹיָה, עֶר הָאט אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט אִיר אַ צַייט און בַּאצָאלְט דִי גֶעלְט, עֶר אִיז אַהִין גֶעפָארְן, און וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען הָאט זִי אִים אוֹיסְגֶעלֵייגְט זֶעקְס זִילְבֶּערְנֶע בֶּעטְן און אַ זִיבֶּעטֶע בֶּעט פוּן גָאלְד, און וֶוען עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען בַּיי דִי זִיבֶּעטֶע בֶּעט, שִׁיעֶר נִישְׁט גֶעטוּן דִי עֲבֵירָה רַחֲמָנָא לִצְלָן – הָאט אִים זַיין צִיצִית גֶעפַּאטְשְׁט אִין פָּנִים, עֶר הָאט זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן, אַרָאפּ פוּן דִי בֶּעט און זִיךְ גֶעזֶעצְט אוֹיף דֶער עֶרְד. זִי אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, זִי הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהַאט אֵיינֶער זָאל אַוֶועק גֵיין פוּן אִיר, אִיז זִי אוֹיךְ אַרָאפּ פוּן בֶּעט און זִיךְ גֶעזֶעצְט אוֹיף דֶער עֶרְד, און זִי הָאט אִים גֶעזָאגְט: אִיךְ שְׁוֶוער אַז דוּ גֵייסְט נִישְׁט אַוֶועק פוּן דָא אֵיידֶער דוּ זָאגְסְט מִיר וָואס פַאר אַ שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ דוּ הָאסְט גֶעזֶען אִין מִיר, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: אִיךְ שְׁוֶוער אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעזֶען נָאךְ אַזַא שֵׁיינֶע פְּרוֹי ווִי דוּ, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דִי מִצְוָה פוּן צִיצִית, און עֶס שְׁטֵייט בַּיי דִי מִצְוָה צְוֵויי מָאל דִי וֶוערְטֶער 'אֲנִי ה' אֱלֹקֵיכֶם' (בַּמִּדְבָּר טו, מא), אֵיין מָאל זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער 'אִיךְ בִּין בַּאגְלֵייבְּט צוּ בַּאשְׁטְרָאפְן דֶער וָואס טוּט עֲבֵירוֹת', און דִי צְוֵוייטֶע מָאל זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער 'אִיךְ בִּין דֶער וָואס וֶועט גֶעבְּן שְׂכַר פַאר דִי וָואס טוּעֶן מַיינֶע מִצְוֹת'.

**וֶוען** זִי הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט זִי אִים גֶעזָאגְט: אִיךְ לָאז דִיךְ נִישְׁט אָפּ בִּיז דוּ זָאגְסְט מִיר וָואס אִיז דַיין נָאמֶען, וָואס אִיז דִי נָאמֶען פוּן דַיין שְׁטָאט, דַיין רֶבִּי'ס

**כַּמּוּבָא** בַּתִּקּוּנִים (תִּקּוּן יח): "וַיִּקַּח שֵׁם וָיֶפֶת אֶת הַשִּׂמְלָה וַיָּשִׂימוּ עַל שְׁכֶם שְׁנֵיהֶם" (בְּרֵאשִׁית ט) — זֶה בְּחִינַת צִיצִית. "וְעֶרְוַת אֲבִיהֶם לֹא רָאוּ" — כִּי צִיצִית מְכַסָּה עַל עֲרָיִין. אֲבָל חָם, דְּהוּא יֵצֶר הָרָע, דִּמְחַמֵּם גּוּפֵהּ דְּבַר־נָשׁ בַּעֲבֵרָה, הוּא אָרוּר, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שָׁם): "אָרוּר כְּנָעַן",

נאָמען און די נאָמען פון דיין יְשִׁיבָה, און ער האָט איר געשריבן אויף אַ צעטל די אַלע אינפאָרמאַציע. די גְמָרָא דערציילט, זי האָט פארקויפט איר גאנצע פארמעגן און צעטיילט די געלט; אַ דריטל האָט זי געגעבן פאר די רעגירונג, אַ דריטל האָט זי געגעבן פאר אָרעמעלייט און אַ דריטל האָט זי מיט גענומען מיט זיך, זי האָט אַלעס פארקויפט, אויסער די בעט געוואנט וואָס זי האָט אים דעמאָלט אויסגעבעט. זי איז געקומען צו די יְשִׁיבָה פון דער הייליגער רֶבִּי חִיָּיא, און געבעטן: 'רֶבִּי זיי מיך מְגַיֵּיר, איך וויל ווערן אַ גִּיּוֹרֶת', און רֶבִּי חִיָּיא האָט איר מְגַיֵּיר געווען און איר געזאָגט, גיי האָב חֲתוּנָה מיט דעם תַּלְמִיד, און פאר דעם תַּלְמִיד האָט רֶבִּי חִיָּיא געזאָגט ווי פאָלגענד: 'דאָס איז דיין מַתַּן שָׂכָר אויף די וועלט, און אויף יענע וועלט ווייס איך נישט ווי גרויס דיין שָׂכָר וועט זיין'; פון די גְמָרָא זעט מען אַז צִיצִית איז אַ שְׁמִירָה פארן מענטש ער זאָל נישט אריינפאלן אין נִיאוּף, און אויך איז מען זוֹכֶה צו 'נִשּׂוּאִין דִּקְדֻשָּׁה', צו האָבן אַ הייליגע שְׁלוֹם בַּיִת, זיין חֲתוּנָה געהאַט הייליג און ריין לויט די תּוֹרָה.

**כַּמּוּבָא** בַּתִּקּוּנִים (תִּקּוּן יח, דַּף לז.) אַזוֹי ווי די הייליגע תִּיקוּנֵי זוהר זאָגט אויפן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית ט, כג): 'וַיִּקַּח שֵׁם וָיֶפֶת' שֵׁם און יֶפֶת האָבן גענומען 'אֶת הַשִּׂמְלָה' דאָס קלייד, 'וַיָּשִׂימוּ' און זיי האָבן דאָס געלייגט – 'עַל שְׁכֶם שְׁנֵיהֶם' אויף זייער אַקסל, 'וַיֵּלְכוּ אֲחֹרַנִּית', און זיי זענען געגאַנגען צוריק צו וועגס, 'וַיְכַסּוּ אֵת עֶרְוַת אֲבִיהֶם', און זיי האָבן צוגעדעקט זייער טאַטע נֹחַ, 'וּפְנֵיהֶם אֲחֹרַנִּית', ווען זייער פָּנִים איז געווען אויסגעדרייט, 'וְעֶרְוַת אֲבִיהֶם לֹא רָאוּ', און זיי האָבן נישט געזען די עֶרְוָה פון זייער טאַטע; דאָס וואָס די פָּסוּק זאָגט: 'הַשִּׂמְלָה' (בְּרֵאשִׁית ט, כג), זֶה דאָס מיינט מען – **בְּחִינַת צִיצִית** די הייליגע צִיצִית, וואָס מען לייגט אויפן אַקסל, און דורכדעם איז מען זוֹכֶה – '**וְעֶרְוַת אֲבִיהֶם לֹא רָאוּ**' [אַז זיי האָבן נישט געזען די עֶרְוָה פון זייער טאַטע], **כִּי צִיצִית** ווייל די מִצְוָה פון צִיצִית – **מְכַסָּה עַל עֲרָיִין** דעקט צו און טוט ראַטעווען דעם מענטש פון עֲבֵירוֹת פון עֲרָיוֹת, דערפאַר זענען שֵׁם און יֶפֶת געראַטעוועט געוואָרן פון זינדיגן, **אֲבָל חָם** אָבער חָם, **דְּהוּא יֵצֶר הָרָע** וואָס דאָס מיינט מען דעם יֵצֶר הָרָע, חָם איז אַ לָשׁוֹן פון הייס, **דִּמְחַמֵּם גּוּפֵהּ דְּבַר נָשׁ** וואָס מאַכט הייס דעם מענטש, **בַּעֲבֵרָה** מיט עֲבֵירוֹת, **הוּא אָרוּר** ער איז פארשאָלטן. **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי ווי עס שטייט אין פָּסוּק (שָׁם, כה): '**אָרוּר כְּנָעַן**' פארשאָלטן זאָל זיין כְּנַעַן; ווייל ער האָט מַכְשִׁיל געווען נֹחַ מיט פְּגַם הַבְּרִית, אַזוֹי ווי מען האָט מַכְשִׁיל געווען אָדָם הָרִאשׁוֹן מיט דעם פְּגַם, און אַזוֹי ווי מען

**כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (שָׁם ג): "**אָרוּר אַתָּה** מִכָּל הַבְּהֵמָה". **וְהַשִּׂמְלָה** הַיְנוּ **צִיצִית, הוּא שְׁמִירָה מֵעֲצַת הַנָּחָשׁ, מִזֻּהֲמַת הַנָּחָשׁ.**

**וְזֶה בְּחִינַת** (שָׁם מ"ט): "**בֵּן פֹּרָת עֲלֵי עָיִן**" — **בִּשְׁבִיל צִיצִית,** **לְשׁוֹן** (שִׁיר-הַשִּׁירִים ב): "**מֵצִיץ מִן הַחֲרַכִּים**", **עַל-יְדֵי-זֶה זָכָה לְבֵן פֹּרָת, שֶׁנִּשְׁמַר מִנִּשּׂוּאִין שֶׁל נָחָשׁ, מִזִּוּוּג שֶׁל הַסִּטְרָא-אָחֳרָא, וְזָכָה לְזִוּוּגָא דִקְדֻשָּׁה. וְזֶה: "פֹּרָת", לְשׁוֹן זִוּוּג, לְשׁוֹן: "פְּרוּ וּרְבוּ".**

הָאט גֶעשָׁאלְטְן דֶעם שְׁלַאנְג פַארְן מַכְשִׁיל זַיין אָדָם הָרִאשׁוֹן אִין פְּגַם הַבְּרִית, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שָׁם ג, יד): '**אָרוּר אַתָּה**' פַארְשָׁאלְטְן בִּיסְטוּ, '**מִכָּל הַבְּהֵמָה**' פוּן אַלֶע בְּהֵמוֹת; דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז חָם (כְּנַעַן) פַארְשָׁאלְטְן גֶעוָוארְן, וַוייל 'חָם' אִיז דֶער 'יֵצֶר הָרַע', וָואס עֶר אִיז דֶער 'נָחָשׁ הַקַּדְמוֹנִי', זֵיי בֵּיידֶע זֶענֶען אָרוּר. **וְהַשִּׂמְלָה** אוּן דָאס קְלֵייד מִיט וָואס מֶען הָאט צוּגֶעדֶעקְט נֹחַ, **הַיְנוּ צִיצִית** דָאס אִיז דִי הֵיילִיגֶע צִיצִית, אוּן טַאקֶע דֶערְפַאר, אַלְס אַ שְׂכַר אוֹיף דִי מַעֲשֶׂה מִיט דִי קְלֵייד - הָאט מֶען זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דִי מִצְוָה פוּן לֵייגְן אוֹיפְן קְלֵייד צִיצִית, **הוּא שְׁמִירָה** וָואס הִיט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ, **מֵעֲצַת הַנָּחָשׁ** פוּן דִי עֵצוֹת פוּן רְשָׁעִים, **מִזֻּהֲמַת הַנָּחָשׁ** פוּן דִי טוּמְאָה וָואס זֵיי לֵייגְן אַרֵיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ דוּרְךְ זֵייעֶרֶע עֵצוֹת, אַזוֹי ווִי דֶער נָחָשׁ-שְׁלַאנְג וָואס הָאט גֶעגֶעבְּן אַ שְׁלֶעכְטֶע עֵצָה פַאר חַוָּה.

**וְזֶה בְּחִינַת** אוּן דָאס אִיז וָואס שְׁטֵייט בֵּיי יוֹסֵף הַצַּדִּיק (שָׁם מ"ט, כב): '**בֵּן פֹּרָת**' אַ בַּאחֵנְ'טֶע קִינְד, '**עֲלֵי עָיִן**' אוֹיף אַלֶע אוֹיגְן וָואס קוּקְן אוֹיף אִים; דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דַרְשְׁ'עֶנֶען (עַיֵּין רַשִׁ"י, שָׁם), יוֹסֵף הַצַּדִּיק הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ בְּרָכָה אוֹיף דִי אוֹיגְן בִּזְכוּת שְׁמִירַת הַבְּרִית, בִּזְכוּת וָואס עֶר הָאט גֶעהִיטְן זַיינֶע אוֹיגְן; ווִי אַזוֹי הָאט יוֹסֵף זִיךְ גֶעקֶענְט שְׁטַארְקְן אוּן בְּלַייבְּן הֵיילִיג? **בִּשְׁבִיל צִיצִית** בִּזְכוּת דִי מִצְוָה פוּן צִיצִית הָאט עֶר גֶעהַאט דִי כֹּחַ צוּ בֵּיישְׁטֵיין דִי גְרוֹיסֶע נִסְיוֹנוֹת פוּן נִיאוּף, וַוייל צִיצִית אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן קוּקְן, **לְשׁוֹן** אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים ב, ט): '**מֵצִיץ**' עֶר בְּלִיקְט אוֹיף מִיר, '**מִן הַחֲרַכִּים**' דוּרְךְ דִי שְׁפַּאלְטְן, **עַל יְדֵי זֶה** אוּן דוּרְךְ דִי מִצְוָה פוּן צִיצִית וָואס אִיז דִי זֶעלְבֶּע אוֹתִיּוֹת פוּן 'מֵצִיץ' - **זָכָה לְבֵן פֹּרָת** הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דִי בְּרָכָה פוּן 'בֵּן פֹּרָת עֲלֵי עָיִן', **שֶׁנִּשְׁמַר מִנִּשּׂוּאִין שֶׁל נָחָשׁ** וַוייל עֶר הָאט זִיךְ גֶעהִיטְן פוּן חֲתוּנָה הָאבְּן מִיטְן שְׁלַאנְג, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעטוּן דִי עֲבֵירָה מִיט אֵשֶׁת פּוֹטִיפַר, **מִזִּוּוּג שֶׁל הַסִּטְרָא אָחֳרָא** אוּן זִיךְ גֶעהִיטְן נִישְׁט צוּ הָאבְּן מִיט אִיר קַיין שׁוּם שַׁייכוּת, **וְזָכָה לְזִוּוּגָא דִקְדֻשָּׁה** אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דִי עֵצוֹת פוּן צַדִּיק, יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט זִיךְ פַאר אִים בַּאוִויזְן אוּן אִים גֶעגֶעבְּן דִי עֵצָה נִישְׁט צוּ טוּן דִי עֲבֵירָה, אוּן אוֹיךְ הָאט עֶר חֲתוּנָה גֶעהַאט בִּקְדוּשָּׁה מִיט אָסְנַת בַּת דִּינָה, **וְזֶה** אוּן דֶערְפַאר וָואס יוֹסֵף הַצַּדִּיק הָאט זִיךְ גֶעהִיטְן פוּן עֵצוֹת פוּן רְשָׁעִים, שְׁטֵייט בֵּיי אִים דִי **לָשׁוֹן**: '**פֹּרָת**' פּוֹרַת, דָאס אִיז **לְשׁוֹן זִוּוּג** אַ לָשׁוֹן פוּן חֲתוּנָה הָאבְּן, **לְשׁוֹן** אַ לָשׁוֹן פוּן '**פְּרוּ וּרְבוּ**' חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן פַארְמֶערְן

**וְעִקַּר** הַנִּאוּף תָּלוּי בָּעֵינַיִם, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ (סוֹטָה ט:): 'שִׁמְשׁוֹן הָלַךְ אַחַר עֵינָיו', וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב (בְּמִדְבַּר ט"ו): "וְלֹא תָתוּרוּ אַחֲרֵי לְבַבְכֶם וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם", וּשְׁמִירַת צִיצִית, שֶׁהוּא בְּחִינַת עֵינַיִם, הוּא שְׁמִירָה מֵעֲצַת הַנָּחָשׁ, וְיָכוֹל לְקַבֵּל הָעֵצוֹת מִצַּדִּיק, שֶׁהוּא כֻּלֹּה זֶרַע אֱמֶת.

**ה** **וְזֶה פֵּרוּשׁ: אָמַר רַבָּה בַּר בַּר־חָנָה: אֲמַר לִי הַהוּא טַיְעָא, תָּא אַחֲוֵי לָךְ טוּרָא דְסִינַי. אֲזַלִי וַחֲזָאִי דְּהַהְדְרָן לֵהּ**

דִי וֶועלְט מִיט קִינְדֶער, אוּן יוֹסֵף הַצַּדִּיק הָאט טַאקֶע זוֹכֶה גֶעוֶועןְ צוּ בְּרֶענְגֶען הֵיילִיגֶע קִינְדֶער, צוּ תִּיקּוּן הַבְּרִית, בִּזְכוּת וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעהִיטְן דִי אוֹיגְן פוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף עֲבֵירוֹת.

**וְעִקַּר** הַנִּאוּף תָּלוּי בָּעֵינַיִם אוּן דִי עִיקָר פוּן דִי עֲבֵירָה פוּן נִיאוּף - אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין דִי אוֹיגְן, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ (סוֹטָה ט:) אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן: 'שִׁמְשׁוֹן הָלַךְ אַחַר עֵינָיו' שִׁמְשׁוֹן אִיז נָאכְגֶעגַאנְגֶען זַיינֶע אוֹיגְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (שׁוֹפְטִים יד, ג): 'כִּי הִיא יָשְׁרָה בְעֵינָי' ווייל זִי גֶעפֶעלְט מִיר אִין מַיינֶע אוֹיגְן, אוּן נָאכְדֶעם שְׁטֵייט (שָׁם טז, א): 'וַיַּרְא שָׁם אִשָּׁה זוֹנָה וַיָּבֹא אֵלֶיהָ', זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דִי עֲבֵירָה פוּן נִיאוּף הוֹיבְּט זִיךְ אָן בַּיי דִי אוֹיגְן, אַז מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן - פַאלְט מֶען אִין עֲבֵירוֹת. וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר ט"ו, לט): 'וְלֹא תָתוּרוּ' אוּן אִיר זָאלְט נִישְׁט נָאכְגֵיין, 'אַחֲרֵי לְבַבְכֶם' נָאךְ עֶנְקֶערֶע הֶערְצֶער 'וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם' אוּן נָאךְ עֶנְקֶערֶע אוֹיגְן, אוּן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דַרְשְׁ'עֶנֶען (בְּרָכוֹת יב:): 'זֶה הִרְהוּר עֲבֵירָה' דָאס מֵיינְט מֶען טְרַאכְטְן פוּן נִיאוּף, אוּן אַז מֶען הִיט דִי אוֹיגְן, וָואס דָאס אִיז דִי מִצְוָה פוּן 'צִיצִית', וָואס אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן 'קוּקְן'

- וֶוערְט מֶען הֵיילִיג פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. **וּשְׁמִירַת צִיצִית** אוּן דוּרְךְ הִיטְן דִי צִיצִית, **שֶׁהוּא בְּחִינַת עֵינַיִם** דָאס מֵיינְט, אוֹיבּ מֶען הִיט דִי אוֹיגְן, **הוּא שְׁמִירָה** דָאס הִיט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ - **מֵעֲצַת הַנָּחָשׁ** פוּן שְׁלֶעכְטֶע עֵצוֹת, **וְיָכוֹל לְקַבֵּל הָעֵצוֹת מִצַּדִּיק** אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ נֶעמֶען עֵצוֹת פוּן צַדִּיק, **שֶׁהוּא כֻּלֹּה זֶרַע אֱמֶת** אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ קוּמֶען צוּ אֱמֶת, וָואס בְּרֶענְגְט אֱמוּנָה. אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סִפְרֵי שְׁלַח, פִּסְקָא קטו) אוֹיפְן פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר טו, מ): 'וִהְיִיתֶם קְדֹשִׁים לֵאלֹקֵיכֶם', עֶנְק זָאלְן זַיין הֵיילִיג, 'זוּ קְדוּשַּׁת צִיצִית', דָאס מֵיינְט מֶען דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה פוּן צִיצִית 'מַגִּיד שֶׁהַצִּיצִית מוֹסֶפֶת קְדֻשָּׁה לְיִשְׂרָאֵל', ווייל דִי מִצְוָה פוּן צִיצִית מַאכְט הֵיילִיג, אוּן וִוי פְרִיעֶר אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, דָאס מֵיינְט מֶען דָאס אָפְּהִיטְן דִי אוֹיגְן, נִישְׁט קוּקְן עֲבֵירוֹת; אַזוֹי וֶוערְט מֶען הֵיילִיג.

[צִיצִית אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן קוּקְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (שִׁיר הַשִּׁירִים ב, ט): 'מֵצִיץ מִן הַחֲרַכִּים', דֶער צַדִּיק לֶערְנְט אוּנְז מִיר זָאלְן שְׁטֶענְדִיג קוּקְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֲפִילוּ מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן - זָאל מֶען נָאכְאַלְץ קוּקְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וַוייטֶער בֶּעטְן צוּ אִים, אוּן פַארְקֶערְט

– אִיז דִי עֵצָה פוּן דִי רְשָׁעִים, זֵיי זָאגְן אַז נָאר אַמָאל הָאט מֶען גֶעקֶענְט זַיין אַ צַדִיק, אוּן הַיינְט קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט לֶעבְּן מִיט דִי עֵצוֹת, דִי מַדְרֵיגוֹת אִיז נָאר פַאר אַמָאלִיגֶע צַייטְן, בְּלַייבְּט אִיבֶּער נָאר צוּ קוּקְן רַחֲמָנָא לִצְלָן אוֹיף נִיאוּף, אָבֶּער דִי עֵצוֹת פוּן צַדִיקִים אִיז אַז מֶען זָאל יָא קוּקְן אוּן אוֹיפְזוּכְן אִין יֶעדֶע זַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס לֶערְנְט אוּנְז דִי מִצְוָה פוּן צִיצִית, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת א, ב) אוֹיפְן פָּסוּק (בַּמִדְבָּר טו, לט): 'וּרְאִיתֶם אֹתוֹ', אוֹתוֹ מֵיינְט מֶען כִּבְיָכוֹל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דִי הֵיילִיגֶע צִיצִית זָאגְט אוּנְז 'דוּ קֶענְסְט נָאךְ זַיין אַ צַדִיק, זָאלְסְט אוֹיפְזוּכְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוּן דוּ גֶעפִינְסְט זִיךְ וַוייט', אוּן דֶערְפַאר וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין הֲלָכָה (שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִים סִימָן כא, סְעִיף ג) אַז מֶען מֶעג אַרַיינְגֵיין מִיט דִי צִיצִית אִין שְׁמוּצִיגֶע פְּלֶעצֶער, וִוי לְמָשָׁל אִין בֵּית הַכִּסֵא; צוּ לֶערְנֶען אוּן צוּ וַוייזְן דֶעם מֶענְטְשׁ, אַז אֲפִילוּ מֶען פַאלְט וואוּ מֶען פַאלְט - קֶען מֶען דָארְט אוֹיךְ גֶעפִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיבּ מֶען וֶועט אִים אַפִילוּ זוּכְן קֶען מֶען נָאךְ זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה].

ה יֶעצְט גֵייט דֶער רֶבִּי צַאמְפְּלֶעכְטְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אוּן דָאס אַרַיינְלֵייגְן אִין

**עַקְרַבֵּי וְקָוְמִין כִּי חַמָרֵי חִוַּרְתָּא. וְשָׁמַעְתִּי בַּת־קוֹל שֶׁאוֹמֶרֶת: אוֹי לִי שֶׁנִּשְׁבַּעְתִּי; וְעַכְשָׁו שֶׁנִּשְׁבַּעְתִּי, מִי מֵפֵר לִי.**

רַשְׁבַּ"ם:

"שֶׁנִּשְׁבַּעְתִּי" — מִן הַגָּלוּת, כִּדְכְתִיב קְרָאֵי טוּבֵי בִּנְבִיאִים.

**תָּא** וְאַחֲוֵי לָךְ טוּרָא דְסִינַי, שֶׁהוּא בְּחִינַת עֵצוֹת, כִּי שָׁם קִבְּלוּ תַּרְיַ"ג עֵטִין. חֲזַאי

דִי וֶוערְטֶער פוּן רַבָּה בַּר בַּר חָנָה.

**וְזֶה** פֵּרוּשׁ אוּן דָאס אִיז פְּשַׁט אִין דִי גְמָרָא (בָּבָא בַּתְרָא עד.): 'אָמַר רַבָּה בַּר בַּר חָנָה' רַבָּה בַּר בַּר חָנָה הָאט גֶעזָאגְט: 'אָמַר לִי הַהוּא טַיְעָא' אַ סוֹחֵר הָאט מִיר גֶעזָאגְט, 'תָּא' קוּם, 'אַחֲוֵי לָךְ' אִיךְ וֶועל דִיר וַוייזְן, 'טוּרָא דְסִינַי' דִי בַּארְג סִינַי. 'אַזְלִי' בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען, 'וַחֲזַאי' אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען, 'דְהַדְרָן לֵהּ' אַז עֶס אִיז אַרוּמְגֶעדְרֵייט, 'עַקְרַבֵּי' עֶגְדֶעסְן, 'וְקָוְמִין' אוּן זֵיי שְׁטֵייעֶן, 'כִּי חַמָרֵי חִוַּרְתָּא' וִוי וַוייסֶע אֵייזְלֶען, 'וְשָׁמַעְתִּי בַּת קוֹל' אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַ בַּת קוֹל, 'שֶׁאוֹמֶרֶת' וָואס זָאגְט, 'אוֹי לִי שֶׁנִּשְׁבַּעְתִּי' וֵויי אִיז מִיר אַז אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁווֹאוֹירְן, 'וְעַכְשָׁו שֶׁנִּשְׁבַּעְתִּי' אוּן יֶעצְט אַז אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁווֹאוֹירְן, 'מִי מֵפֵר לִי' וֶוער קֶען מִיר דָאס צֶעשְׁטֶערְן.

רַשְׁבַּ"ם: 'שֶׁנִּשְׁבַּעְתִּי' אַז אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁווֹאוֹירְן, 'מִן הַגָּלוּת' אַז אִידְן זָאלְן זַיין אִין גָלוּת, 'כִּדְכְתִיב קְרָאֵי טוּבֵי' אַזוֹי וִוי עֶס אִיז דָא אַסַאךְ פְּסוּקִים 'בִּנְבִיאִים' אִין נַ"ךְ.

**טַייטְשְׁט** דֶער רֶבִּי, אַז דָאס וָואס רַבָּה בַּר בַּר חָנָה הָאט דֶערְצֵיילְט אַז דֶער סוֹחֵר הָאט אִים גֶעזָאגְט: '**תָּא** וְאַחֲוֵי לָךְ טוּרָא דְסִינַי' קוּם אִיךְ וֶועל דִיר וַוייזְן דִי בַּארְג סִינַי, שֶׁהוּא דִי בַּארְג סִינַי מֵיינְט מֶען, בְּחִינַת עֵצוֹת דִי עֵצוֹת פוּן צַדִיקִים, כִּי שָׁם קִבְּלוּ תַּרְיַ"ג עֵטִין וַוייל בַּיים בַּארְג סִינַי

הָאט מֶען מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה, דִי תַּרְיַ"ג מִצְוֹת וָואס זֵיי זֶענֶען זֶעקְס הוּנְדֶערְט אוּן דְרַייצְן עֵצוֹת וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**חֲזַאי** דְּהַדְרָן לֵהּ עַקְרַבָּא הָאט עֶר גֶעזֶען וִוי עֶס זֶענֶען דָא אַרוּם דֶעם בַּארְג סִינַי עֶגְדֶעסְן, הַיְנוּ דִי עֶגְדֶעסְן מֵיינְט מֶען - שֶׁיֵּשׁ עֲצַת נָחָשׁ עֶס אִיז דָא דָארְט דִי עֵצָה פוּנֶעם שְׁלַאנְג, (עֶגְדֶעסְן מִיט שְׁלֶענְג זֶענֶען צוּגֶעגְלִיכְן אֵיינְס צוּם אַנְדֶערְן, עֶס אִיז אַזוֹי וִוי אֵיין זַאךְ, אַזוֹי וִוי מִיר טְרֶעפְן אַסַאךְ מָאל אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים, אַז זֵיי דֶערְמַאנֶען בֵּיידֶע צוּזַאמֶען 'נְחָשִׁים וְעַקְרַבִּים'. אוֹיךְ זָאגְט דִי גְמָרָא (עֲבוֹדָה זָרָה לא:) אַז אַלֶע שְׁרָצִים הָאבְּן אִין זִיךְ סַם פוּנֶעם שְׁלַאנְג), עֲצַת רְשָׁעִים דִי עֵצוֹת פוּן רְשָׁעִים, שֶׁעַל יְדֵיהֶם וָואס דוּרְךְ זֵיי - אֵין יְכוֹלִים לְקַבֵּל עֲצַת צַדִּיקִים קֶען מֶען נִישְׁט אָנְנֶעמֶען דִי עֵצוֹת פוּן דִי צַדִּיקִים, וָואס זֵייעֶרֶע עֵצוֹת זֶענֶען - זֶרַע אֱמֶת אֱמֶת'עֶ עֵצוֹת; רַבָּה בַּר בַּר חָנָה זָאגְט אוּנְז, עֶס אִיז דָא אַ בַּארְג סִינַי, דָאס מֵיינְט מֶען דֶער צַדִּיק, אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפִינֶען, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים רוּפְן אָן דִי צַדִּיקִים: 'סִינַי וְעוֹקֵר הָרִים' (הוֹרָיוֹת יד.), דִי צַדִּיקִים זֶענֶען אַזוֹי וִוי דֶער בַּארְג סִינַי, וַוייל מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין דוּרְךְ זֵיי צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, אַזוֹי וִוי בַּיי מַתַּן תּוֹרָה, אָבֶּער אַרוּם דִי צַדִּיקִים זֶענֶען דָא רְשָׁעִים

דְּהַדְרָן לֵהּ עַקְרַבָּא, הַיְנוּ שֶׁיֵּשׁ עֲצַת נָחָשׁ, עֲצַת רְשָׁעִים, שֶׁעַל-יְדֵיהֶם אֵין יְכוֹלִים לְקַבֵּל עֲצַת צַדִּיקִים, זֶרַע אֱמֶת.

**וְקָיְמוּ כִּי חַמְרֵי חִוָּרְתָּא** — זֶה בְּחִינַת צִיצִית, שֶׁהוּא שְׁמִירָה מֵעֲצַת הַנָּחָשׁ, מִנִּאוּף; כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (מְנָחוֹת מג:): 'אֵיזֶה עָנְשׁוֹ גָּדוֹל, שֶׁל לָבָן אוֹ שֶׁל תְּכֵלֶת?

וָואס זֶענֶען אַזוֹי וִוי שְׁלֶענְג, וָואס לָאזְן נִישְׁט מְקוֹרָב וֶוערְן, מִיט זֵייעֶרֶע לֵיצָנוּת אוּן זֵייעֶרֶע שְׁלֶעכְטֶע עֵצוֹת.

**זָאגְט** אָבֶּער רַבָּה בַּר בַּר חָנָה, אֲפִילוּ מִיט דִי מְנִיעוֹת פוּן דִי טוּמְאָה - אִיז דָא אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי מֶען קֶען גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן זֵיי; עֶר דֶערְצֵיילְט וַוייטֶער: 'וְקָיְמוּ כִּי חַמְרֵי חִוָּרְתָּא' דִי שְׁלֶענְג זֶענֶען דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען אַזוֹי וִוי וַוייסֶע אֵייזְלֶען, זֶה דָאס מֵיינְט מֶען, בְּחִינַת צִיצִית דִי מִצְוָה פוּן צִיצִית, שֶׁהוּא שְׁמִירָה וָואס הִיט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ, מֵעֲצַת הַנָּחָשׁ פוּן דִי עֵצָה פוּנֶעם נָחָשׁ הַקַּדְמוֹנִי, מִנִּאוּף אוּן עֶס רַאטֶעוֶועט פוּן דִי עֲבֵירָה פוּן נִיאוּף. וַוייל אֲפִילוּ וֶוען דִי בַּארְג סִינַי (דָאס מֵיינְט מֶען דִי עֵצוֹת פוּן דִי צַדִּיקִים, וִוי אַזוֹי נָאנְט צוּ וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן) - זֶענֶען פַארְשְׁטֶעלְט מִיט שְׁלֶענְג אוּן עֶגְדֶעסְן וָואס הַאלְטְן צוּרִיק דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן קֶענֶען אָנְקוּמֶען צוּ דֶעם, אִיז אָבֶּער דָא 'חַמְרֵי חִוָּרְתָּא' דִי וַוייסֶע אֵייזְלֶען, דָאס מֵיינְט מֶען דִי הֵיילִיגֶע צִיצִית, וָואס דוּרְכְדֶעם קֶען מֶען גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן זֵיי.

**דֶער** רַבִּי גֵייט בְּרֶענְגֶען אַ רְאָי' אַז 'חַמְרֵי חִוָּרְתָּא' וַוייסֶע אֵייזְלֶען - אִיז מְרַמֵּז אוֹיף צִיצִית, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (מְנָחוֹת מג:): 'אֵיזֶה עָנְשׁוֹ גָּדוֹל' וֶוער בַּאקוּמְט אַ גְרֶעסֶערֶע שְׁטְרָאף? 'שֶׁל לָבָן אוֹ שֶׁל

**וְאָמְרוּ: מָשָׁל לְאֶחָד, שֶׁצִּוָּה לְהָבִיא לוֹ חוֹתָם שֶׁל זָהָב, הַיְנוּ תְּכֵלֶת, וְחוֹתָם שֶׁל טִיט, הַיְנוּ לָבָן. וְזֶה: "חַמְרֵי" — לְשׁוֹן חֹמֶר וָטִיט; "חִוָּרָא" — הַיְנוּ לָבָן, כִּי עַכְשָׁו זֶה עִקַּר הַצִּיצִית.**

תְּכֵלֶת' דער וָואס לֵייגְט נִישְׁט קֵיין צִיצִית פון וַוייסֶע וָואל, אָדֶער דֶער וָואס לֵייגְט נִישְׁט צִיצִית פון תְּכֵלֶת? און די גְמָרָא זָאגְט 'גָּדוֹל עוֹנְשׁוֹ שֶׁל לָבָן', דֶער וָואס לֵייגְט נִישְׁט אויף זַיין קְלֵייד צִיצִית פון וַוייסֶע וָואל, וָואס איז בִּילִיג און גְרִינְג צו גֶעפִינֶען - בַּאקוּמְט אַ גְרֶעסֶערֶע שְׁטְרָאף, 'יוֹתֵר מֵעוֹנְשׁוֹ שֶׁל תְּכֵלֶת', מֶער ווי דֶער וָואס לֵייגְט נִישְׁט אויף זַיין קְלֵייד תְּכֵלֶת, בְּלוֹי וָואל, וָואס איז נִישְׁט קֵיין גְרִינְגֶע זַאךְ צו גֶעפִינֶען, **וְאָמְרוּ מָשָׁל** און די גְמָרָא זָאגְט אַ מָשָׁל, צו וָואס איז דָאס צוּגֶעגְלִיכְן? 'לְמֶלֶךְ בָּשָׂר וָדָם' צו אַ קֶענִיג, 'שֶׁאָמַר לִשְׁנֵי עֲבָדָיו' וָואס הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע צְוֵויי קְנֶעכְט, 'לְאֶחָד אָמַר' פַאר אֵיינֶעם הָאט עֶר גֶעזָאגְט, 'הָבֵא לִי חוֹתָם שֶׁל טִיט' בְּרֶענְג מִיר אַ שְׁטֶעמְפְּל פון לֵיים, 'וּלְאֶחָד אָמַר' און פַארְן צְוֵוייטְן הָאט עֶר גֶעזָאגְט, 'הָבֵא לִי' בְּרֶענְג מִיר, 'חוֹתָם שֶׁל זָהָב' אַ שְׁטֶעמְפְּל פון גָאלְד, 'וּפָשְׁעוּ שְׁנֵיהֶם' און בֵּיידֶע הָאבְּן זִיךְ פַארְזִינְדִיגְט פַארְן קֶענִיג, 'וְלֹא הֵבִיאוּ' זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעבְּרֶענְגְט וָואס דֶער קֶענִיג הָאט גֶעהֵייסְן, 'אֵיזֶה מֵהֶן עוֹנְשׁוֹ מְרוּבֶּה' וֶוער פון זֵיי בַּאקוּמְט אַ הַארְבֶּערֶע שְׁטְרָאף פַארְן נִישְׁט פָאלְגְן? 'הֱוֵי אוֹמֵר' וֶועל אִיךְ דִיר זָאגְן, 'זֶה שֶׁאָמַר לוֹ' דֶער קְנֶעכְט וָועמֶען מֶען הָאט גֶעזָאגְט, 'הָבֵא לִי' בְּרֶענְג מִיר, 'חוֹתָם שֶׁל טִיט' אַ שְׁטֶעמְפְּל פון לֵיים, 'וְלֹא הֵבִיא' און עֶר הָאט נִישְׁט גֶעבְּרֶענְגְט; וַוייל גָאלְד איז נִישְׁט קֵיין גְרִינְגֶע זַאךְ צו גֶעפִינֶען, אָבֶּער לֵיים איז יָא גְרִינְג צו גֶעפִינֶען, איז פַארְוָואס הָאסְטוּ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט דֶעם קֶענִיג? אַזוֹי אויךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן די מִצְוָה פון לֵייגְן צִיצִית אויף די פִיר עֶקְן פון די קְלֵייד, און אַז מֶען לֵייגְט נִישְׁט קֵיין תְּכֵלֶת איז די שְׁטְרָאף נִישְׁט אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ, וַוייל דָאס איז גְלַייךְ - **לְאֶחָד שֶׁצִּוָּה לְהָבִיא לוֹ חוֹתָם שֶׁל זָהָב** צו דֶער קְנֶעכְט וָואס דֶער קֶענִיג הָאט אים גֶעזָאגְט צו בְּרֶענְגֶען אַ שְׁטֶעמְפְּל פון גָאלְד, וָואס איז שְׁוֶוער צו גֶעפִינֶען, **הַיְינוּ תְּכֵלֶת** דָאס זֶעלְבֶּע איז תְּכֵלֶת, וָואס איז אַ טֵייעֶרֶע זַאךְ און מֶען קֶען עֶס נִישְׁט אַזוֹי גְרִינְג בַּאקוּמֶען, אָבֶער דֶער וָואס לֵייגְט נִישְׁט קֵיין צִיצִית פון וַוייסֶע וָואל - איז זַיין שְׁטְרָאף אַסַאךְ הַארְבֶּער, וַוייל עֶר איז צוּגֶעגְלִיכְן, **וְחוֹתָם שֶׁל טִיט** צוּם קְנֶעכְט וָואס מֶען בֶּעט אים אַ שְׁטֶעמְפְּל פון לֵיים, וָואס איז גְרִינְג צו בַּאקוּמֶען, **הַיְינוּ לָבָן** אַזוֹי אויךְ צִיצִית פון וַוייסֶע וָואל איז בִּילִיג און מֶען קֶען עֶס בַּאקוּמֶען, איז זַיין שְׁטְרָאף אַסַאךְ הַארְבֶּער.

**וְזֶה** און דָאס איז וָואס רַבָּה בַּר בַּר חָנָה זָאגְט, עֶר הָאט גֶעזֶען שְׁטֵיין נֶעבְּן די שְׁלֶענְג **'חַמְרֵי'** חַמְרֵי, **לְשׁוֹן** וָואס איז אַ **לְשׁוֹן חֹמֶר וָטִיט** פון לֵיים, דָאס מֵיינְט מֶען די מָשָׁל פון צִיצִית; און דָאס וָואס עֶר זָאגְט, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען **'חִוָּרָא'** וַוייסֶע, **הַיְינוּ לָבָן** דָאס מֵיינְט מֶען די צִיצִית פון וַוייסֶע וָואל, **כִּי עַכְשָׁו** וָואס הַיינְטִיגֶע

**וְשָׁמַעְתִּי** בַּת־קוֹל שֶׁאוֹמֶרֶת,
אוֹי לִי שֶׁנִּשְׁבַּעְתִּי.
פֵּרֵשׁ רַבֵּנוּ שְׁמוּאֵל: עַל הַגָּלוּת,
הַיְנוּ, עַל־יְדֵי צִיצִית יְכוֹלִין
לָבוֹא לַעֲצַת צַדִּיקִים, לִבְחִינַת
אֱמֶת; וְעַל־יְדֵי אֱמֶת בָּאִים
לֶאֱמוּנָה כַּנַּ"ל; וְעַל־יְדֵי אֱמוּנָה
בָּא הַגְּאֻלָּה כַּנַּ"ל. וְזֶה שֶׁשָּׁמַע
חֲרָטַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל הַגָּלוּת,
כִּי הַצִּיצִית שֶׁהֵם 'חֲמָרֵי חִוָּרָא'
גָּרַם כָּל זֶה.

**וְזֶה** פֵּרוּשׁ: "וְאֵלֶּה" — כָּל
מָקוֹם שֶׁנֶּאֱמַר 'וְאֵלֶּה'
מוֹסִיף; זֶה בְּחִינַת יוֹסֵף, בְּחִינַת

צייטן אין גָלוּת, זֶה עִקַּר הַצִּיצִית אִיז דָאס דֶער עִיקַר מִצְוָה, ווייל ווייסע וואל אִיז בִּילִיג און מֶען קֶען עֶס גְרִינְג גֶעפִינֶען.

**זָאגְט** רַבָּה בַּר בַּר חָנָה, 'וְשָׁמַעְתִּי בַּת קוֹל שֶׁאוֹמֶרֶת' און איך הָאב גֶעהֶערְט אַ בַּת קוֹל וָואס זָאגְט: 'אוֹי לִי שֶׁנִּשְׁבַּעְתִּי' וויי אִיז מִיר אַז אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁווָאוִירְן, פֵּרֵשׁ רַבֵּנוּ שְׁמוּאֵל זָאגְט דֶער רַשְׁבַּ"ם, דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעשְׁווָאוִירְן, עַל הַגָּלוּת אַז אִידְן זָאלְן זַיין אִין גָלוּת, הַיְנוּ דָאס מֵיינְט מֶען צוּ זָאגְן, עַל יְדֵי צִיצִית דוּרְךְ מִצְוַת צִיצִית, יְכוֹלִין לָבוֹא לַעֲצַת צַדִּיקִים קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ צַדִּיקִים און אוֹיסְהֶערְן זַייעֶרֶע עֵצוֹת, און נִישְׁט וֶוערְן אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דִי לֵצִים, דִי שְׁלֶענְג - וָואס מַאכְן חוֹזֶק פוּן דֶעם, לִבְחִינַת אֱמֶת און דוּרְךְ דִי עֵצוֹת פוּן דִי צַדִּיקִים קוּמְט מֶען צוּ אֱמֶת, וְעַל־יְדֵי אֱמֶת און דוּרְךְ אֱמֶת - בָּאִים לֶאֱמוּנָה קוּמְט מֶען צוּ אֱמוּנָה, כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אין אות ב), וְעַל יְדֵי אֱמוּנָה און דוּרְךְ אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - בָּא הַגְּאֻלָּה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דִי גְאוּלָה, כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אות א).

**וְזֶה** שֶׁשָּׁמַע און דָאס הָאט רַבָּה בַּר בַּר חָנָה גֶעהֶערְט, חֲרָטַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט חֲרָטָה, עַל הַגָּלוּת אוֹיפְן גָלוּת, כִּי הַצִּיצִית ווייל דִי מִצְוָה פוּן צִיצִית, שֶׁהֵם 'חֲמָרֵי חִוָּרָא' וָואס דָאס זֶענֶען דִי 'חֲמָרֵי חִוָּרָא' וָואס רַבָּה בַּר בַּר חָנָה הָאט גֶעזֶען, גָּרַם כָּל זֶה הָאט צוּגֶעבְּרֶענְגְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל חֲרָטָה הָאבְן אוֹיפְן גָלוּת, ווייל דוּרְךְ דִי מִצְוָה פוּן צִיצִית וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט פוּן 'עֲצַת הַנָּחָשׁ', דִי עֵצוֹת פוּן רְשָׁעִים, און מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ אֱמֶת, וָואס בְּרֶענְגְט אֱמוּנָה, וָואס וֶועט בְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָה.

**וְזֶה** פֵּרוּשׁ מִיט דֶעם קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין דִי שַׁייכוּת פוּן דִי צְוֵויי דְרָשׁוֹת וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דַרְשְׁ'עֶנֶען אוֹיפְן פָּסוּק (שמות כא, א): 'וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם', עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט אִין פָּסוּק 'אֵלֶּה', עֶס שְׁטֵייט 'וְאֵלֶּה' 'וְאֵלֶּה' מִיט אַ ו', און דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בראשית רבה יד, ב): 'כָּל מָקוֹם שֶׁנֶּאֱמַר 'וְאֵלֶּה'' אִיבֶּעראַל וִוי עֶס שְׁטֵייט 'וְאֵלֶּה' מִיט אַ ו' - 'מוֹסִיף' קוּמְט דָאס עֶפֶּעס צוּלֵייגְן, און דִי זַאךְ פוּן צוּלֵייגְן, זֶה בְּחִינַת יוֹסֵף אִין דֶעם אִיז מְרוּמָז יוֹסֵף הַצַּדִּיק, ווייל דִי נָאמֶען 'יוֹסֵף' טַייטְשְׁט 'צוּלֵייגְן', מַאמֶע רָחֵל הָאט אִים גֶעגֶעבְן דִי נָאמֶען 'יוֹסֵף', זִי הָאט גֶעבֶּעטְן אַ תְּפִלָּה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (בראשית ל, כד): 'יוֹסֵף

השם לי בן אחר' הייליגער באשעפער לייג מיר צו נאך א זון; זעט מען אז די ווארט 'ואלה' איז מרמז אויף יוסף הצדיק, וואס ער האט זוכה געווען צו בחינת שמירת הברית היטן דעם אות ברית קודש, ער איז בייגעשטאנען די נסיון פון ניאוף, ווי אזוי האט יוסף הצדיק געהאט די שטארקקייט נישט צו זינדיגן אין ניאוף? בחינת ציצית דורך די הייליגע מצוה פון ציצית, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (אוצר המדרשים; עיין מקור חיים הלכות ציצית סימן יא, סעיף א) אז די כתנת פסים וואס יעקב אבינו האט געגעבן פאר יוסף איז געווען די הייליגע ציצית, אויך האט יוסף הצדיק געהאט הייליגע אויגן, אזוי ווי די הייליגע חכמים דרש'ענען (עיין רש"י בראשית מט, כב) אויפן פסוק (שם): 'בן פרת עלי עין' יוסף הצדיק האט זוכה געווען צו א ברכה אויף די אויגן, בזכות דעם וואס ער האט געהיטן זיינע אויגן.

'המשפטים' די ווארט משפטים, זה בחינת איז מרמז אויף די עצות פון צדיקים, וואס זענען 'כלו זרע אמת' איין שטיק אמת, ווייל דורך פאלגן די עצות פון צדיקים איז מען זוכה צו קומען צום אמת, מען לאזט אפ אלע נארישקייטן און מען ציט זיך נאר צום אמת. דער רבי ברענגט א ראי' אז

שמירת הברית, בחינת ציצית.

**המשפטים** — זה בחינת 'כלו זרע אמת', כמו שכתוב (תהלים י"ט): "משפטי ה' אמת", שזוכה לעצת צדיקים, לבחינת אמת.

**אשר** תשים לפניהם — זה בחינות 'כד אתחבר בה אמת', וזה בחינת 'השוו אשה לאיש', כי זה איש ואשה הם בחינת התחברות אמת ואמונה, ובזה תלוי הגאלה כנ"ל.

'משפט' מיינט 'אמת', כמו שכתוב אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (תהלים י"ט, י): 'משפטי ה' אמת' די משפטים פונעם אייבערשטן, זענען אמת'דיג, שזוכה לעצת צדיקים ווייל אז מען נעמט אן די עצות פון צדיק, לבחינת אמת איז מען זוכה צו קומען צום אמת.

**מיט** דעם קען מען זייער גוט פארשטיין די ביידע דרשות וואס מען דרש'נט פון דעם פסוק, 'אשר תשים לפניהם' די ערשטע דרש דרש'נט מען 'השוו אשה לאיש', זה בחינות דאס איז מרמז 'כד אתחבר בה אמת' ווען מען איז זוכה צאמצוברענגען 'אמונה' מיט 'אמת', וזה בחינת און דאס ליגט אין די ווערטער פון די הייליגע חכמים: 'השוו אשה לאיש' מען גלייכט צו די פרוי צום מאן, דאס מיינט מען ווען מען ברענגט צוזאם 'אמת' מיט 'אמונה', כי זה איש ואשה ווייל די ווערטער 'איש און אשה' הם בחינת התחברות אמת ואמונה מיינט מען 'אמת' און 'אמונה', וואס ווערן אויך אנגערופן 'איש' ו'אשה'; אין קבלה שפראך ווערן אנגערופן די הייליגע 'זעיר אנפין' מיטן נאמען 'איש', און מיטן נאמען 'אמת', און די מלכות ווערט אנגערופן 'אשה' און אויך 'אמונה', ובזה תלוי הגאלה וואס אין דעם איז אנגעהאנגען די גאולה,

וֶוען מֶען וֶועט צַאמְבְּרֶענְגֶען 'אֱמֶת' מִיט 'אֱמוּנָה', מֶען וֶועט אָנְנֶעמֶען דִי עֵצוֹת פוּן צַדִיק, אַלֶע וֶועלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן – וֶועט מָשִׁיחַ קוּמֶען, כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אִין אוֹת א).

**יֶעצְט** גֵייט דֶער רֶבִּי עֶרְקְלֶערְן דִי צְוֵויי דְרָשׁוֹת אוֹיפְן פָּסוּק 'וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים'; וְזֶה און דָאס אִיז וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן 'יָכוֹל' וֶועסְטוּ מֵיינֶען, 'שֶׁיִּהְיוּ הַתַּלְמִידִים לוֹמְדִים וְאֵין מְבִינִים' דִי תַּלְמִידִים זָאלְן לֶערְנֶען אָן פַאֲרְשְׁטֵיין? 'תַּלְמוּד לוֹמַר וְכוּ' קוּמְט דֶער פָּסוּק זָאגְן 'אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם', 'עָרְכֵם לִפְנֵיהֶם' לֶערְן מִיט זֵיי קְלָאר, זֵיי זָאלְן פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, 'כְּשֻׁלְחָן עָרוּךְ' אַזוֹי וִוי אַ גֶעדֶעקְטֶע טִישׁ, זֶה בְּחִינַת הַגְּאֻלָּה דָאס מֵיינְט מֶען דִי גְאוּלָה; שֶׁלֶּעָתִיד וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, יִתְגַּלּוּ כָּל הַחָכְמוֹת וֶועט אַנְטְפְּלֶעקְט וֶוערְן דִי אֱמוּנָה, כְּשֻׁלְחָן עָרוּךְ וִוי אַ גֶעדֶעקְטֶע טִישׁ, יֶעדֶער אֵיינֶער וֶועט אַזוֹי שְׁטַארְק שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וֶועט שְׁפִּירְן וִוי מֶען אִיז אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט אֵייבֶּערְשְׁטֶער, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יְשַׁעְיָהוּ י"א, ט) בַּיי דִי גְאוּלָה וֶועט זַיין: 'וּמָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה' דִי וֶועלְט וֶועט אָנְגֶעפִילְט וֶוערְן מִיט פַארְשְׁטַאנְד, וַוייל דִי וֶועלְט וֶועט פוּל וֶוערְן מִיט דַעַת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'כַּמַּיִם לַיָּם מְכַסִּים' אַזוֹי וִוי דִי וַואסֶער פַארְדֶעקְן

וְזֶה: 'יָכוֹל שֶׁיִּהְיוּ הַתַּלְמִידִים לוֹמְדִים וְאֵין מְבִינִים — תַּלְמוּד לוֹמַר וְכוּ', עָרְכֵם לִפְנֵיהֶם כְּשֻׁלְחָן עָרוּךְ', זֶה בְּחִינַת הַגְּאֻלָּה, שֶׁלֶּעָתִיד יִתְגַּלּוּ כָּל הַחָכְמוֹת כְּשֻׁלְחָן עָרוּךְ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יְשַׁעְיָהוּ י"א): "וּמָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה".

(עַד כָּאן לְשׁוֹן רַבֵּנוּ, זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה)

דֶעם יַם; אוּן דוּרְךְ מִצְוַת צִיצִית וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט פוּן דִי עֲצַת הַנָּחָשׁ וָואס הָאט אַיינְגֶערֶעדְט חַוָּה אוּן אָדָם צוּ עֶסְן פוּנֶעם עֵץ הַדַעַת אוּן פוּן דֶעם אִיז גֶעוָוארְן דִי גַאנְצֶע גָלוּת, אָבֶּער וֶוען מֶען נֶעמְט אָן דִי עֵצוֹת פוּן דִי צַדִיקִים, 'וְאֵלֶּה' דוּרְךְ צִיצִית, שְׁמִירַת הַבְּרִית – 'הַמִּשְׁפָּטִים' קוּמְט מֶען צוּ דִי עֵצוֹת פוּן צַדִיק, בִּיז מֶען קוּמְט צוּ אֱמֶת אוּן צוּ אֱמוּנָה, 'אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם' דָאס בְּרֶענְגְט דִי גְאוּלָה, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן אָמֵן וְאָמֵן.

[מִיט דֶעם קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין דִי הֶמְשֵׁךְ פוּן דִי מַעֲשֶׂה מִיט רַבָּה בַּר בַּר חָנָה, אַז דִי חֲכָמִים הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס הָאסְטוּ נִישְׁט מֵפֵר גֶעוֶוען דִי שְׁבוּעָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ וָואלְסְט גֶעדַארְפְט זָאגְן 'מוּפָר לָךְ'? אוּן דִי מְפָרְשִׁים פְרֶעגְן דָארְט, וָואס כַאפְּן דִי חֲכָמִים אָן אַ לָשׁוֹן וָואס פַּאסְט וֶוען אַ מַאן צֶעשְׁטֶערְט אַ נֶדֶר? נָאר בַּיי מַאן אוּן וַוייבּ אִיז דָא דֶער לָשׁוֹן פוּן 'הֲפָרָה', אוּן וֶוען מֶען גֵייט צוּ אַ חָכָם זָאל צֶעשְׁטֶערְן אַ נֶדֶר נִיצְט דֶער חָכָם אַ לָשׁוֹן 'הַתָּרָה', אָבֶּער לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז אֱמֶת אוּן אֱמוּנָה אִיז אַנְטְקֶעגְן מַאן אוּן וַוייבּ; 'אֱמֶת' אִיז 'אִישׁ' אוּן 'אֱמוּנָה' אִיז 'אִשָּׁה' – שְׁטִימְט דֶער לָשׁוֹן פוּן הֲפָרָה, אוּן אַז רַבָּה בַּר בַּר חָנָה הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הֶערְן דָאס אַלֶעס, מוּז זַיין אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה, צוּ וֶוערְן וִוי אַ בְּחִינָה וִוי

(הַשְׁמָטוֹת הַשַּׁיָּכִים לְהַתּוֹרָה הַזֹּאת):

**הַתְּפִלָּה** הוּא בְּחִינַת אֱמוּנָה, וְהוּא בְּחִינַת הַנִּסִּים, כִּי נֵס לְמַעְלָה מִטֶּבַע, וְלָזֶה צָרִיךְ אֱמוּנָה כַּנַּ"ל, עַיֵּן שָׁם. וּבִשְׁבִיל זֶה, הַתְּפִלָּה מְסֻגָּל לְזִכָּרוֹן, כִּי תְּפִלָּה הוּא בְּחִינַת אֱמוּנָה כַּנַּ"ל. וְשִׁכְחָה הוּא עִנְיָן, שֶׁהָיָה לְפָנֵינוּ דְּבַר־מָה וְנִשְׁכַּח וְעָבַר מֵאִתָּנוּ. (וְהִיא דֶּרֶךְ הַהַנְהָגָה עַל־פִּי מַעֲרֶכֶת הַמַּזָּלוֹת, שֶׁמִּתְנַהֵג כְּסֵדֶר יוֹם

דֶער מַאן צוּ דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה, דֶערְפַאר הָאבְּן דִי חֲכָמִים מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף אִים, וַוייל וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט וִוי דִי שְׁכִינָה הָאט חֲרָטָה, ווָאלְט עֶר גֶעדַארְפְט 'מֵפֵר' זַיין דִי נֶדֶר, וַוייל אַ מַאן אִיז מֵפֵר, אָבֶער רַבָּה בַּר חָנָה הָאט גֶעמֵיינְט אַז דִי שְׁבוּעָה אִיז פוּנֶעם מַבּוּל, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט חֲרָטָה אוֹיף דִי שְׁבוּעָה ווָאס עֶר הָאט גֶעשְׁווָאוֹירְן נִישְׁט צוּ בְּרֶענְגֶען אַ מַבּוּל אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט אַז אֶפְשָׁר אִיז דִי וֶועלְט נָאכְנִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּם תִּיקוּן פוּן צִיצִית ווָאס רַאטֶעוֶועט פוּן נִיאוּף, וֶועט דִי מַבּוּל חַס וְשָׁלוֹם פַארְשְׁוֶועמֶען דִי וֶועלְט, הָאט עֶר נִישְׁט מֵפֵר גֶעוֶוען דִי נֶדֶר].

(עַד כָּאן לְשׁוֹן רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בִּיז דָא אִיז דֶער לָשׁוֹן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן).

*

(**הַשְׁמָטוֹת הַשַּׁיָּכִים לְהַתּוֹרָה הַזֹּאת**) דִי שְׁטִיקְלֶעךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אֵיידֶער דִי תּוֹרָה, נָאר נָאכְדֶעם הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה.

**הַתְּפִלָּה הוּא בְּחִינַת אֱמוּנָה** תְּפִלָּה בְּרֶענְגְט אֱמוּנָה, וִוי מֶער מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וִוי מֶער מֶען בֶּעט אִים – אַלְץ מֶער וֶוערְט דִי אֱמוּנָה לוֹיטֶער אוּן קְלָאר, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ וֶועט נִישְׁט רֶעדְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיבּ הָאט עֶר חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, 'אֱמוּנָה' אוּן 'תְּפִלָּה' אִיז גֶעקְנִיפְּט אוּן גֶעבִּינְדְן אֵיינְס מִיטְן צְוֵוייטְן, **וְהוּא בְּחִינַת הַנִּסִּים** אוּן דוּרְךְ אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אוּן דוּרְךְ תְּפִלָּה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ נִיסִים, **כִּי נֵס לְמַעְלָה מִטֶּבַע** וַוייל נִיסִים אִיז הֶעכֶער פוּן דִי טֶבַע, **וְלָזֶה צָרִיךְ אֱמוּנָה** אוּן צוּ דֶעם דַארְף מֶען גְלֵייבְּן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין נַאטוּר, נִישְׁטָא קַיין טֶבַע, מִקְרֶה אוּן מַזָּל, נָאר אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **כַּנַּ"ל** אַזוֹי וִוי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת א) עַיֵּן שָׁם קוּק עֶס נָאךְ.

**וּבִשְׁבִיל זֶה** אוּן דֶערִיבֶּער **הַתְּפִלָּה מְסֻגָּל לְזִכָּרוֹן** אִיז תְּפִלָּה אַ סְגוּלָה צוּ גֶעדֶענְקֶען אוּן נִישְׁט פַארְגֶעסְן, **כִּי תְּפִלָּה הוּא בְּחִינַת אֱמוּנָה** וַוייל תְּפִלָּה בְּרֶענְגְט מֶען זָאל הָאבְּן אֱמוּנָה, **כַּנַּ"ל** אַזוֹי וִוי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אִין אוֹת א'), אַז תְּפִלָּה מִיט אֱמוּנָה אִיז גֶעקְנִיפְּט אוּן גֶעבִּינְדְן, **וְשִׁכְחָה** אוּן דִי זַאךְ פוּן פַארְגֶעסְן – **הוּא עִנְיָן שֶׁהָיָה לְפָנֵינוּ דְּבַר מָה** אִיז בַּיי אַ זַאךְ ווָאס אִיז גֶעוֶוען, **וְנִשְׁכַּח וְעָבַר מֵאִתָּנוּ** אוּן עֶס אִיז פַארְגֶעסְן גֶעוָוארְן אוּן אַוֶועק פוּן אוּנְז, **(וְהִיא דֶּרֶךְ הַהַנְהָגָה עַל פִּי מַעֲרֶכֶת הַמַּזָּלוֹת** אוּן דָאס אִיז דִי וֶועג וִוי אַזוֹי דִי וֶועלְט פִירְט זִיךְ, לוֹיט דִי פְּלַאנֶעטְן פוּן דִי וֶועלְט, **שֶׁמִּתְנַהֵג כְּסֵדֶר** ווָאס זֵיי פִירְן זִיךְ מִיט אַ סֵדֶר **יוֹם אַחַר יוֹם** טָאג נָאךְ טָאג, **וְהוּא הִפּוּךְ**

אַחַר יוֹם, וְהוּא הִפּוּךְ הָאֱמוּנָה. מַה שֶּׁאֵין כֵּן אִם מַאֲמִין שֶׁיֵּשׁ מְחַדֵּשׁ הַכֹּל כִּרְצוֹנוֹ בְּכָל יוֹם תָּמִיד, וְהוּא מְחַיֶּה וּמְקַיֵּם הַכֹּל תָּמִיד, וְהוּא לְמַעְלָה מֵהַזְּמַן, אֵין כָּאן שִׁכְחָה, וְדוּ"ק).

**וּמֵעַתָּה** תִּרְאֶה נִפְלָאוֹת בְּדִבְרֵי רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (שַׁבָּת קד.): 'מֵ"ם וְסָמֶ"ךְ שֶׁבַּלּוּחוֹת בְּנֵס הָיוּ עוֹמְדִין'; כִּי מַ"ם הוּא בְּחִינַת הַשִּׁכְחָה, וְעַל זֶה אָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (חֲגִיגָה ט:): 'אֵין דּוֹמֶה הַשּׁוֹנֶה פִּרְקוֹ מֵאָה פְּעָמִים לְמֵאָה פְּעָמִים וְאֶחָד'. כִּי מַ"ם בְּגִימַטְרִיָּא מֵאָה, וְעַד מֵאָה שׁוֹלֵט הַשַּׂר שֶׁל שִׁכְחָה. וְזֶה שֶׁהִמְתִּיקוּ חֲזַ"ל: מֵ"ם

הָאֱמוּנָה און דָאס אִיז פַארְקֶערְט פון אֱמוּנָה, מֶען זֶעט נִישְׁט אִין דִי טֶבַע - דִי הַשְׁגָּחָה, מַה שֶּׁאֵין כֵּן אִם מַאֲמִין אָבֶּער דֶער וָואס גְלֵייבְּט, שֶׁיֵּשׁ מְחַדֵּשׁ אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער וָואס בַּאנַייט הַכֹּל כִּרְצוֹנוֹ אַלֶעס מִיט זַיין ווילְן, בְּכָל יוֹם תָּמִיד יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן טָאג, שְׁטֶענְדִיג, וְהוּא מְחַיֶּה וּמְקַיֵּם הַכֹּל תָּמִיד און עֶר מַאכְט לֶעבְּן און עֶר דֶערְהַאלְט אַלֶעס שְׁטֶענְדִיג, וְהוּא לְמַעְלָה מֵהַזְּמַן און בַּיי אִים אִיז נִישְׁטָא דִי זַאךְ פון 'צַייט' - אֵין כָּאן שִׁכְחָה אִיז נִישְׁטָא בַּיי אִים דִי זַאךְ פון 'פַארְגֶעסְן', וְדוּ"ק און פַארְשְׁטֵיי גוּט), קוּמְט אוֹיס אַז תְּפִלָּה וָואס אִיז 'אֱמוּנָה', וָואס אִיז נִיסִים לְמַעְלָה מִדֶּרֶךְ הַטֶּבַע - אִיז מְסוּגָל צוּ 'גֶעדֶענְקֶען', ווייל וֶוען עֶס אִיז לְמַעְלָה מִן הַזְּמַן אִיז נִישְׁט שַׁייךְ קַיין שִׁכְחָה.

**וּמֵעַתָּה** תִּרְאֶה נִפְלָאוֹת יֶעצְט וֶועסְטוּ זֶען וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאכְן - בְּדִבְרֵי רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה אִין דִי רֵייד וָואס דִי הַיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן, (שַׁבָּת קד.) דִי לוּחוֹת זֶענֶען גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעקְרִיצְט אַדוּרְךְ און אַדוּרְךְ פון בֵּיידֶע זַייטְן, קוּמְט אוֹיס אַז דִי אִינֶעווֵייניגְסְטֶע שְׁטִיקְל פוּנֶעם 'מֵ"ם וְסָמֶ"ךְ שֶׁבַּלּוּחוֹת' עֶנְדֶע מ' און דִי ס' פון דִי לוּחוֹת - 'בְּנֵס הָיוּ עוֹמְדִין' הָאבְּן זִיךְ גֶעהַאלְטְן מִיט אַ נֵס, אָן דֶעם וָואס עֶפֶּעס זָאל זֵיי הַאלְטְן, כִּי מַ"ם הוּא בְּחִינַת הַשִּׁכְחָה ווייל דִי נָאמֶען פוּנֶעם מַלְאָךְ וָואס אִיז גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף מַאכְן פַארְגֶעסְן אִיז 'מ"ס', וְעַל זֶה אָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה וָואס אוֹיף דֶעם זָאגְן דִי הַיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (חֲגִיגָה ט:): 'אֵין דּוֹמֶה' עֶס אִיז נִישְׁט גְלַייךְ 'הַשּׁוֹנֶה פִּרְקוֹ' דֶער וָואס לֶערְנְט אַ פֶּרֶק, 'מֵאָה פְּעָמִים' הוּנְדֶערְט מָאל, 'לְמֵאָה פְּעָמִים וְאֶחָד' צוּ דֶער וָואס לֶערְנְט אַ פֶּרֶק הוּנְדֶערְט און אֵיין מָאל, כִּי מַ"ם ווייל מ"ס (40+60) - דִי נָאמֶען פוּנֶעם מַלְאָךְ וָואס מַאכְט פַארְגֶעסְן - בְּגִימַטְרִיָּא מֵאָה בַּאטְרֶעפְט הוּנְדֶערְט (100), וְעַד מֵאָה און בִּיז הוּנְדֶערְט (100) שׁוֹלֵט הַשַּׂר שֶׁל שִׁכְחָה הָאט דֶער מַלְאָךְ פון שִׁכְחָה אַ כֹּחַ צוּ מַאכְן פַארְגֶעסְן, בִּיז דָא אִיז דִי וֶוערְטֶער פון אֲרִיזַ"ל (עַיֵּן עֵץ חַיִּים שַׁעַר טו, פֶּרֶק ו).

**קוּמְט** דֶער רֶבִּי און אַנְטְפְּלֶעקְט אוּנְז אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע סוֹד, וְזֶה שֶׁהִמְתִּיקוּ חֲזַ"ל דָאס זָאגְן אוּנְז דִי הַיילִיגֶע חֲכָמִים, מֵ"ם וְסָמֶ"ךְ אַז דִי עֶנְדֶע מ' און דִי אוֹת ס', דִי מִיטֶלְסְטֶע שְׁטִיקְל - אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף אַ נֵס, הַיְינוּ זָאגְט דֶער רֶבִּי נָאךְ מֶער,

וְסָמֶ"ךְ, הַיְנוּ מַס שֶׁהוּא בְּחִינַת הַשִּׁכְחָה, בְּנֵס הָיוּ עוֹמְדִין, כִּי נֵס הוּא הֶפֶךְ הַשִּׁכְחָה, כִּי נִסִּים הֵם בְּחִינַת הַתְּפִלָּה, בְּחִינַת אֱמוּנָה, שֶׁהִיא הֶפֶךְ הַשִּׁכְחָה, כַּנַּ"ל.

**וְדַע** וְכוּ׳ כִּי צִיצִית שְׁמִירָה לְנִאוּף וְכוּ׳, עַל שְׁכֶם שְׁנֵיהֶם זֶה בְּחִינַת צִיצִית וְכוּ׳. וְזֶה (בְּרֵאשִׁית ל"ז): "הֲלֹא אַחֶיךָ רֹעִים בִּשְׁכֶם", הַיְנוּ בְּחִינַת צִיצִית כַּנַּ"ל, שֶׁהִיא שְׁמִירָה לְנִאוּף, וְהוּא בְּחִינַת שְׁמִירַת הַבְּרִית, שֶׁהִיא בְּחִינַת יוֹסֵף. עַל

מַס דִי עֶנְדֶע מ׳ אוּן דִי אוֹת ס׳ – **שֶׁהוּא בְּחִינַת הַשִּׁכְחָה** דָאס וָואלְט מֶען וֶוען גֶעדַארְפְט פַארְגֶעסְן, וַוייל מַס אִיז זַיין נָאמֶען, אָבֶער **בְּנֵס הָיוּ עוֹמְדִין** זַיי הָאבְּן זִיךְ גֶעהַאלְטְן דוּרְךְ אַ נֵס, **כִּי נֵס הוּא הֶפֶךְ הַשִּׁכְחָה** וַוייל נִסִּים אִיז פִּינְקְט פַארְקֶערְט פוּן פַארְגֶעסְן, דוּרְךְ נִסִּים גֶעדֶענְקְט מֶען דָאס לֶערְנֶען אוּן מֶען גֶעדֶענְקְט אַז דֶער אייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס אוּן אִיז אִיבֶּערָאל, **כִּי נִסִּים הֵם בְּחִינַת הַתְּפִלָּה** אוּן וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ נִסִּים? דוּרְךְ תְּפִלָּה; וַוייל אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען לֶערְנְט – זֶעט מֶען נִסִּים, **בְּחִינַת אֱמוּנָה** מֶען בַּאקוּמְט אַ קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, **שֶׁהִיא הֶפֶךְ הַשִּׁכְחָה** וָואס אִיז פַארְקֶערְט פוּן פַארְגֶעסְן, **כַּנַּ"ל** אַזוֹי וִוי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט. דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן כה) מִיר זָאלְן מַאכְן פוּן תּוֹרָה – תְּפִלָּה, וַוייל אֲפִילוּ דֶער שַׂר פוּן שִׁכְחָה, אוֹיב זֶעט עֶר אַז עֶס אִיז דָא נִסִּים, דָאס מֵיינְט מֶען ׳תְּפִלָּה׳, וֶוערְט עֶר בָּטֵל אוּן מֶען גֶעדֶענְקְט אַלֶעס וָואס מֶען לֶערְנְט. **אוֹיבְּן** אִין אוֹת ד׳ זָאגְט דֶער רֶבִּי, **וְדַע וְכוּ׳** אוּן דוּ זָאלְסְט וִויסְן **כִּי צִיצִית שְׁמִירָה לְנִאוּף וְכוּ׳** אַז דִי מִצְוָה פוּן צִיצִית הִיט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן נִיאוּף, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית ט, כג), שֵׁם אוּן יֶפֶת הָאבְּן גֶענוּמֶען דִי קְלֵייד – דִי צִיצִית, אוּן גֶעלֵייגְט: **׳עַל שְׁכֶם שְׁנֵיהֶם׳** אוֹיף זֵייעֶרֶע בֵּיידֶע אַקְסְלֶען, אוּן אַזוֹי זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען צוּדֶעקְן זֵייעֶר טַאטֶע נֹחַ, **זֶה בְּחִינַת צִיצִית וְכוּ׳** אוּן דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי מִצְוָה פוּן צִיצִית, וַוייל בִּזְכוּת דִי מִצְוָה פוּן צִיצִית זֶענֶען זַיי נִיצוֹל גֶעוָוארְן פוּן נִיאוּף. יֶעצְט זָאגְט דֶער רֶבִּי אַ טִיפֶע כַּוָּונָה וָואס לִיגְט בַּאהַאלְטְן אִינֶעם פָּסוּק, **וְזֶה** אוּן דָאס אִיז דִי כַּוָּונָה וָואס יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר יוֹסֵף (בְּרֵאשִׁית ל"ז, יג): **׳הֲלֹא אַחֶיךָ רֹעִים בִּשְׁכֶם׳** דַיינֶע בְּרִידֶער פַּאשְׁען דִי שֶׁעפְּעלֶעךְ אִין שְׁכֶם, **הַיְנוּ** דִי וָוארְט ׳שְׁכֶם׳ מֵיינְט מֶען אוֹיךְ – **בְּחִינַת צִיצִית** דִי מִצְוָה פוּן צִיצִית, **כַּנַּ"ל** אַזוֹי וִוי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אִין אוֹת ד׳), אַז יוֹסֵף אִיז גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן אֵשֶׁת פּוֹטִיפַר בִּזְכוּת וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעהִיטְן דִי אוֹיגְן, וָואס דָאס אִיז דִי זַאךְ פוּן צִיצִית, **שֶׁהִיא שְׁמִירָה לְנִאוּף** וָואס צִיצִית רַאטֶעוֶועט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן נִיאוּף, **וְהוּא בְּחִינַת שְׁמִירַת הַבְּרִית** אוּן יוֹסֵף הַצַּדִּיק הָאט דָאךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ שְׁמִירַת הַבְּרִית, **שֶׁהִיא בְּחִינַת יוֹסֵף** וָואס שְׁטֵייט בַּיי אִים ׳בֵּן

כֵּן אָמַר יַעֲקֹב לְיוֹסֵף: "הֲלוֹא אַחֶיךָ רֹעִים בִּשְׁכֶם", שֶׁהוּא בְּחִינָה שֶׁלְּךָ; "לְכָה וְאֶשְׁלָחֲךָ אֲלֵיהֶם".

וְזֶה פֵּרוּשׁ: "וְאָנֹכִי נְטַעְתִּיךְ שׂוֹרֵק" וְכוּ', כִּי הוּא מְקַבֵּל טִפֵּי הַשֵּׂכֶל שֶׁל הַצַּדִּיק עַל־יְדֵי עֵצָה שֶׁמְּקַבֵּל מִמֶּנּוּ. וְזֶה שׂוֹרֵק הוּא בְּחִינַת שׁוּרֻק ⋱ שֶׁהוּא תְּלָת טִפִּין, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב בַּזֹּהַר (וּבַתִּקּוּנִים, תִּקּוּן נ"ו), וְהוּא תְּלָת מֹחִין. כִּי הוּא עִנְיָן אֶחָד, כִּי הַטִּפָּה בָּאָה מֵהַמֹּחַ וּמַגִּיעָה לְהַכְּלָיוֹת, שֶׁהֵן כְּלֵי הַהוֹלָדָה, שֶׁמְּבַשְּׁלִין הַזֶּרַע. כֵּן הַשֵּׂכֶל נוֹלָד גַּם כֵּן בַּמֹּחַ וּמַגִּיעַ עַד הַכְּלָיוֹת הַיּוֹעֲצוֹת.

פּוֹרָת עֲלֵי עָיִן', עַל כֵּן אָמַר יַעֲקֹב לְיוֹסֵף דֶערְפַאר הָאט יַעֲקֹב אָבִינוּ גֶעזָאגְט פַאר יוֹסֵף, 'הֲלוֹא אַחֶיךָ רֹעִים בִּשְׁכֶם' דַיינֶע בְּרִידֶער פַּאשֶׁען אִין שְׁכֶם, מֵיינֶענְדִיג צוּ זָאגְן, דַיינֶע בְּרִידֶער הָאבְן אוֹיךְ דִי זַאךְ פוּן 'שְׁכֶם', פוּן דִי קְלֵייד וָואס זֵיי הָאבְן גֶעלֵייגְט 'עַל שְׁכֶם שְׁנֵיהֶם', דָאס מֵיינְט דִי הֵיילִיגֶע צִיצִית, שֶׁהוּא בְּחִינָה שֶׁלְּךָ וָואס דָאס אִיז דָאךְ דַיין זַאךְ, דַיין מַדְרֵיגָה, אִיז וָואס דַארְפְן עֶנְק זִיךְ קְרִיגְן? וָואס בְּרֶענְגְסְטוּ לָשׁוֹן הָרַע אוֹיף זֵיי? דָאס מֵיינְט דֶער פָּסוּק 'אַחֶיךָ רֹעִים בִּשְׁכֶם' דַיינֶע בְּרִידֶער פַּאשֶׁען אִין דִי זֶעלְבֶע מַדְרֵיגָה פוּן דִיר, לְכָה וְאֶשְׁלָחֲךָ אֲלֵיהֶם ווִיל אִיךְ דִיר אַהִין שִׁיקְן צוּ זֵיי, ווַייל אַז זֵיי הָאבְן דִי מִצְוָה פוּן צִיצִית זֶענֶען זֵיי זִיכֶער אָפְּגֶעהִיטְן פוּן נִיאוּף.

וְזֶה פֵּרוּשׁ אוּן דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יִרְמְיָה ב, כא): 'וְאָנֹכִי נְטַעְתִּיךְ שׂוֹרֵק וְכוּ' אוּן אִיךְ - אֵייבֶּערְשְׁטֶער - הָאבּ דִיךְ אַיינְגֶעפְלַאנְצְט מִיט אַ גוּטֶע וַויינְשְׁטָאק, עֶס שְׁטֵייט וַוייטֶער אִינֶעם פָּסוּק אַז דִי עֵצוֹת פוּן צַדִּיק אִיז 'כֻּלֹּה זֶרַע אֱמֶת' לוֹיטֶער אוּן הֵיילִיג, כִּי הוּא מְקַבֵּל וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ וָואס נֶעמְט אָן דִי עֵצוֹת פוּן צַדִּיק, בַּאקוּמְט טִפֵּי הַשֵּׂכֶל שֶׁל הַצַּדִּיק דִי טְרָאפְּלֶעךְ פוּנֶעם צַדִּיק'ס מֹחַ, עַל יְדֵי עֵצָה שֶׁמְּקַבֵּל מִמֶּנּוּ דוּרךְ דִי עֵצוֹת וָואס מֶען בַּאקוּמְט פוּן צַדִּיק; דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק: 'וְאָנֹכִי נְטַעְתִּיךְ שׂוֹרֵק', וְזֶה שׂוֹרֵק אוּן דִי וָוארְט 'שׂוֹרֵק', הוּא בְּחִינַת שׁוּרֻק אִיז דִי זֶעלְבֶע וָוארְט פוּן דִי נְקוּדָה פוּן שׁוּרֻק [⋱] שֶׁהוּא וָואס דִי שׁוּרֻק הָאט תְּלָת טִפִּין דְרֵיי טְרָאפְּלֶעךְ, אַ שׁוּרֻק הָאט דְרֵיי פִּינְטְלֶעךְ, דָאס אִיז אַנְטְקֶעגְן דִי דְרֵיי טְרָאפְּלֶעךְ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב בַּזֹּהַר אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (פָּרָשַׁת פִּנְחָס, דַף רמז): אַז דִי דְרֵיי טִפִּין אִיז דִי מוֹחִין, וּבַתִּקּוּנִים תִּקּוּן נ"ו אוֹיךְ שְׁטֵייט אִין תִּיקוּנֵי זוֹהַר, אַז דִי שׁוּרֻק אִיז דְרֵיי טִפִּין, וְהוּא תְּלָת מֹחִין אוּן דָאס אִיז 'חָכְמָה', 'בִּינָה' אוּן 'דַּעַת', כִּי וַוייל דִי זֶרַע אוּן דִי מֹחַ הוּא עִנְיָן אֶחָד אִיז אֵיין זַאךְ, כִּי הַטִּפָּה וַוייל דִי טְרָאפְּן זֶרַע בָּאָה מֵהַמֹּחַ קוּמְט פוּן דִי מֹחַ, וּמַגִּיעָה לְהַכְּלָיוֹת אוּן עֶס גֵייט צוּ דִי נִירְן, שֶׁהֵן כְּלֵי הַהוֹלָדָה וָואס דִי נִירְן מַאכְן גֶעבּוֹירְן, שֶׁמְּבַשְּׁלִין הַזֶּרַע עֶס מַאכְט גְרֵייט דִי זֶרַע, עֶס זָאל קֶענֶען וֶוערְן פוּן דֶעם אַ קִינְד, כֵּן הַשֵּׂכֶל אַזוֹי אוֹיךְ דִי שֵׂכֶל, נוֹלָד גַּם כֵּן בַּמֹּחַ הוֹיבְּט זִיךְ אָן אִינֶעם מֹחַ, וּמַגִּיעַ עַד הַכְּלָיוֹת הַיּוֹעֲצוֹת אוּן עֶס גֵייט צוּ דִי נִירְן.

**וּתְלָת** מֹחִין, הוּא בְּחִינַת (יְשַׁעְיָהוּ ו): "הַשְׁמֵן לֵב וְכוּ' וְאָזְנָיו וְכוּ' וְעֵינָיו וְכוּ', פֶּן יִרְאֶה בְעֵינָיו וּבְאָזְנָיו יִשְׁמָע וּלְבָבוֹ יָבִין וָשָׁב וְכוּ'", כְּלוֹמַר, שֶׁאֵינוֹ רוֹצֶה לְדַבֵּק עַצְמוֹ לַצַּדִּיקִים פֶּן יִרְאֶה וְכוּ'. אֲבָל כְּשֶׁמְּדַבֵּק עַצְמוֹ לְצַדִּיקִים וּמְקַבֵּל מֵהֶם עֵצָה, אֲזַי הוּא בְּחִינַת כְּלָיוֹת יוֹעֲצוֹת, שֶׁהֵם כְּלֵי הַהוֹלָדָה, שֶׁמְּקַבֵּל הַטִּפָּה מֹחַ הַמִּתְחַלֶּקֶת לִתְלָת טִפִּין, תְּלָת מֹחִין כַּנַּ"ל; וְאָז יִרְאֶה בְעֵינָיו וּבְאָזְנָיו יִשְׁמָע וּלְבָבוֹ יָבִין וְכוּ', שֶׁהֵם בְּחִינַת הַשְּׁלֹשָׁה מֹחִין — וָשָׁב וְרָפָא לוֹ. וְזֶהוּ: "וְאָנֹכִי נְטַעְתִּיךְ שׂוֹרֵק כֻּלֹּה זֶרַע אֱמֶת", וְהָבֵן.

**וּתְלָת** מֹחִין און דִי דְרֵיי מוֹחִין חָכְמָה בִּינָה דַעַת, **הוּא** בְּחִינַת אִיז וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט (יְשַׁעְיָהוּ ו, י): 'הַשְׁמֵן לֵב וְכוּ' עֶס וֶוערְט אַלְץ מֶער פֶעט און פַארְשְׁטָאפְּט דָאס הַארְץ פוּן דֶעם פָאלְק, 'וְאָזְנָיו וְכוּ'' און זַיינֶע אוֹיעֶרְן, 'הַכְבֵּד' וֶוערְן אַלְץ שְׁוֶוערֶער צוּ הֶערְן, 'וְעֵינָיו וְכוּ'' און זַיינֶע אוֹיגְן, 'הָשַׁע' זֶענֶען אַוֶועק גֶעקֶערְט פוּן צוּ זֶען, 'פֶּן יִרְאֶה בְעֵינָיו' ווייל עֶר הָאט מוֹרָא, טָאמֶער וֶועט עֶר זֶען מִיט זַיינֶע אוֹיגְן אַז דֶער נָבִיא אִיז גֶערֶעכְט, 'וּבְאָזְנָיו יִשְׁמָע' און מִיט זַיינֶע אוֹיעֶרְן וֶועט עֶר צוּהֶערְן דִי רֵייד, 'וּלְבָבוֹ יָבִין' און זַיין הַארְץ וֶועט עֶס פַארְשְׁטֵיין, 'וָשָׁב וְכוּ'' און דַאן וֶועט עֶר תְּשׁוּבָה טוּן, 'וְרָפָא לוֹ' און דָאס וֶועט זַיין אַ הֵיילוּנְג פַאר אִים, כְּלוֹמַר דֶער פָּסוּק מֵיינְט צוּ זָאגְן, שֶׁאֵינוֹ רוֹצֶה לְדַבֵּק עַצְמוֹ לַצַּדִּיקִים עֶר ווִיל זִיךְ נִישְׁט צוּקְלֶעבְּן צוּ צַדִּיקִים, 'פֶּן יִרְאֶה וְכוּ'' ווייל עֶר הָאט מוֹרָא, טָאמֶער וֶועט עֶר זֶען מִיט זַיינֶע אוֹיגְן און צוּהֶערְן מִיט זַיינֶע אוֹיעֶרְן צוּ דִי עֵצוֹת פוּן צַדִּיקִים, און עֶר וֶועט תְּשׁוּבָה טוּן, און דָאס וֶועט זַיין אַ הֵיילוּנְג פַאר אִים, אֲבָל כְּשֶׁמְּדַבֵּק עַצְמוֹ לְצַדִּיקִים אָבֶער אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל און עֶר קְלֶעבְּט זִיךְ צוּ צוּם צַדִּיק, וּמְקַבֵּל מֵהֶם עֵצָה און עֶר נֶעמְט עֵצוֹת פוּנֶעם צַדִּיק, אֲזַי הוּא בְּחִינַת כְּלָיוֹת יוֹעֲצוֹת וָואס קוּמֶען פוּנֶעם צַדִּיק'ס נִירְן, שֶׁהֵם כְּלֵי הַהוֹלָדָה וָואס מַאכְט גֶעבּוֹירְן, שֶׁמְּקַבֵּל הַטִּפָּה מֹחַ נֶעמְט עֶר דִי טְרָאפְּלֶעךְ פוּנֶעם מֹחַ, הַמִּתְחַלֶּקֶת לִתְלָת טִפִּין וָואס זֶענֶען צֶעטֵיילְט אוֹיף דְרֵיי, וָואס זֶענֶען אַנְטְקֶעגְן תְּלָת מֹחִין דִי דְרֵיי מוֹחִין, כַּנַּ"ל אַזוֹי ווִי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, וְאָז און דֶעמָאלְט אִיז מֶען זוֹכֶה, יִרְאֶה בְעֵינָיו צוּ זֶען מִיט דִי אוֹיגְן, וּבְאָזְנָיו יִשְׁמָע און הֶערְן מִיט דִי אוֹיעֶרְן, וּלְבָבוֹ יָבִין און מִיט דִי הַארְץ פַארְשְׁטֵיין וְכוּ', שֶׁהֵם בְּחִינַת הַשְּׁלֹשָׁה מֹחִין וָשָׁב וְרָפָא לוֹ. מֶען אִיז זוֹכֶה צוּצוּקוּמֶען צוּ 'אֱמוּנָה', 'תְּפִלָּה' און 'גְאוּלָה', וְזֶהוּ און דָאס אִיז מְרוּמָז אִינֶעם פָּסוּק וְאָנֹכִי נְטַעְתִּיךְ שׂוֹרֵק [און אִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאבּ דִיךְ אַיינְגֶעפְלַאנְצְט מִיט אַ גוּטֶע וַויינְשְׁטָאק] שׂוֹרֵק אִיז שׁוּרֻק, דִי דְרֵיי מוֹחִין פוּנֶעם צַדִּיק, אַז דִי עֵצוֹת פוּן צַדִּיק אִיז כֻּלֹּה זֶרַע אֱמֶת לוֹיטֶער און הֵיילִיג וְהָבֵן.

**וְזֶה פֵּרוּשׁ:** אָמַר רַבָּה בַּר בַּר־חָנָה וְכוּ', וְזֶה רָמַז גַּם כֵּן בְּפֶתַח דְּבָרָיו: אָמַר לִי הַהוּא טַיְעָא, וּפֵרֵשׁ רַבֵּנוּ שְׁמוּאֵל: בְּכָל מָקוֹם סוֹחֵר יִשְׁמָעֵאל; כִּי יִשְׁמָעֵאל הוּא בְּחִינַת הַתְּפִלָּה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בְּרֵאשִׁית ט"ז): "כִּי שָׁמַע ה' אֶל עָנְיֵךְ", וְתַרְגּוּמוֹ: 'אֲרֵי קַבִּיל ה' יָת צְלוֹתִיךְ', וְהוּא בְּחִינַת אֱמוּנָה כַּנַּ"ל. וְזֶהוּ סוֹחֵר, מִלְּשׁוֹן סְחוֹר סְחוֹר (בְּחִינַת מַקִּיפִים), שֶׁהוּא בְּחִינַת אֱמוּנָה כַּנַּ"ל, "וֶאֱמוּנָתְךָ סְבִיבוֹתֶיךָ" (תְּהִלִּים פ"ט).

**וְזֶהוּ** (רות ג): "וּפָרַשְׂתָּ כְנָפֶךָ עַל אֲמָתֶךָ", כִּי צִיצִית

**וְזֶה פֵּרוּשׁ** און דאס איז פשט אין די ווערטער פון די הייליגע גמרא: '**אָמַר רַבָּה בַּר בַּר חָנָה וְכוּ'** רַבָּה בַּר בַּר חָנָה האט געזאגט די גאנצע מעשה, וואס איז אויבן אויסגעשמועסט, **וְזֶה רָמַז גַּם כֵּן בְּפֶתַח דְּבָרָיו** און דאס איז מרומז אין די אנהויב פון די מעשה, '**אָמַר לִי הַהוּא טַיְעָא**' א סוחר האט מיר געזאגט, **וּפֵרֵשׁ רַבֵּנוּ שְׁמוּאֵל** און דער רשב"ם זאגט: **בְּכָל מָקוֹם סוֹחֵר** איבעראל וואו עס שטייט די ווארט 'סוחר', **יִשְׁמָעֵאל** מיינט מען אן אראבער; זאגט דער רבי, דא ליגט מרומז די זאך פון תפלה טון צום אייבערשטן, **כִּי יִשְׁמָעֵאל** ווייל די ווארט 'ישמעאל' - **הוּא בְּחִינַת הַתְּפִלָּה** דאס מיינט א לשון פון תפלה, פון דאווענען, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (בְּרֵאשִׁית ט"ז, יא): '**כִּי שָׁמַע ה' אֶל עָנְיֵךְ**' ווען דער מלאך איז געקומען צו הגר האט ער איר געזאגט זי זאל א נאמען געבן איר קינד 'ישמעאל', **וְתַרְגּוּמוֹ** און דער תרגום זאגט: '**אֲרֵי קַבִּיל ה' יָת צְלוֹתִיךְ**' ווייל דער אייבערשטער האט צוגעהערט דיין געבעט; זעט מען אז וואו עס שטייט 'ישמעאל' מיינט דאס צו מרמז זיין תפלה, **וְהוּא בְּחִינַת אֱמוּנָה** און תפלה איז אמונה, די צוויי זאכן גייען אינאיינעם, **כַּנַּ"ל** אזוי ווי אויבן אויסגעשמועסט (אות א). **וְזֶהוּ סוֹחֵר** אויך איז די ווארט 'סוחר' א לשון פון אמונה, ווייל סוחר איז **מִלְּשׁוֹן** אזוי ווי די ווארט **סְחוֹר סְחוֹר** ארום און ארום, (**בְּחִינַת מַקִּיפִים**) וואס נעמט ארום דעם מענטש, **שֶׁהוּא בְּחִינַת אֱמוּנָה** וואס דאס איז אמונה, **כַּנַּ"ל** אזוי ווי אויבן אויסגעשמועסט, און אזוי ווי עס שטייט אין פסוק: '**וֶאֱמוּנָתְךָ**' און דיין אמונה, '**סְבִיבוֹתֶיךָ**' ארום און ארום (תְּהִלִּים פ"ט, ט), אמונה נעמט ארום דעם מענטש, ווייל ער גלייבט אין א זאך וואס ער קען נישט פארשטיין מיט שכל, עס גייט נישט אריין אין די שכל, נאר עס שטייט ארום; זעט מען פון דעם אז 'סוחר' איז מרמז אויף 'אמונה', און 'ישמעאל' איז מרמז אויף 'תפלה'.

[מיט דעם קען מען אויך פארשטיין פארוואס מען דאווענט מיט א טלית, און אויך פארוואס מען דארף אנטון דעם טלית אזוי ווי די ישמעאלים נעמען זיך ארום].

**וְזֶהוּ** און דאס איז פשט וואס שטייט אין פסוק (רות ג, ט), רות האט געבעטן פון בעז: '**וּפָרַשְׂתָּ כְנָפֶךָ**' און דו זאלסט אויסשפרייטן דיינע פליגלען, '**עַל אֲמָתֶךָ**' אויף דיין דינסט, טייטשט דער רבי, '**כְּנָפֶךָ**'

**דִּקְדֻשָּׁה, שֶׁהֵם כַּנְפֵי מִצְוָה, הוּא שְׁמִירַת הַבְּרִית וְהוּא בְּחִינַת זִווּג דִּקְדֻשָּׁה. וְזֶהוּ שֶׁשָּׁאַל חַגַּי הַנָּבִיא** (חַגַּי ב): **"הֵן יִשָּׂא אִישׁ בְּשַׂר-קֹדֶשׁ בִּכְנַף בִּגְדוֹ וְנָגַע בִּכְנָפוֹ אֶל הַלֶּחֶם", כִּי פְּגַם הַבְּרִית — הֶעְדֵּר הַלֶּחֶם, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (מִשְׁלֵי ו): **"בְּעַד אִשָּׁה זוֹנָה עַד כִּכַּר לָחֶם", וְהָבֵן:**

דָאס מֵיינְט מֶען דִי הֵיילִיגֶע צִיצִית, **כִּי צִיצִית דִּקְדֻשָּׁה** וַוייל דִי הֵיילִיגֶע צִיצִית, **שֶׁהֵם כַּנְפֵי מִצְוָה** דִי הֵיילִיגֶע עֶקְן פוּנֶעם קְלֵייד, **הוּא שְׁמִירַת הַבְּרִית** דָאס בְּרֶענְגְט שְׁמִירַת הַבְּרִית, עֶס גֶעבְּט כֹּחַ בַּייצוּקוּמֶען דִי נִסְיוֹנוֹת פוּן נִיאוּף, **וְהוּא בְּחִינַת זִווּג דִּקְדֻשָּׁה** אוּן דָאס בְּרֶענְגְט מֶען זָאל חֲתוּנָה הָאבְּן בִּקְדוּשָּׁה, אוּן דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס דִי פָּסוּק זָאגְט: 'וּפָרַשְׂתָּ כְנָפֶךָ עַל אֲמָתֶךָ' דוּרְךְ דִי הֵיילִיגֶע צִיצִית, 'כִּי גוֹאֵל אָתָּה' וֶועט זַיין דִי גְאוּלָּה; וַוייל דוּרְךְ צִיצִית אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ נֶעמֶען דִי עֵצוֹת פוּן צַדִּיק, מִמֵּילָא אִיז מֶען זוֹכֶה צוּם 'אֱמֶת' אוּן צוּ 'אֱמוּנָה' וָואס בְּרֶענְגְט דִי גְאוּלָּה.

[דָאס קֶען זַיין דִי טַעַם פוּן דֶער מִנְהָג אַז דִי כַּלָּה שִׁיקְט דִי טַלִּית פַאר'ן חָתָן, אִים צוּ מְרַמֵּז זַיין אַז זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ זִיווּג דִּקְדֻשָּׁה. אוֹיךְ קֶען זַיין אַז דָאס אִיז דִי טַעַם פַארְוָואס בִּיז דִי חֲתוּנָה גֵייט מֶען נִישְׁט מִיט קַיין טַלִּית, וַוייל מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט דִי זִיווּג בִּקְדוּשָּׁה. אוּן אוֹיךְ קֶען זַיין דִי טַעַם פוּן דָאס וָואס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין כִּתְבֵי אֲרִיזַ"ל (עִנְיַן דְּרוּשֵׁי הַלַּיְלָה, דְּרוּשׁ א), אַז מֶען זָאל בְּלַייבְּן מִיט דִי טַלִּית קָטָן בַּיים זִיווּג, וַוייל צִיצִית בְּרֶענְגְט דִי זִיווּג זָאל זַיין הֵיילִיג].

**וְזֶהוּ** אוּן דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **שֶׁשָּׁאַל חַגַּי הַנָּבִיא** וָואס חַגַּי דֶער נָבִיא פְרֶעגְט (חַגַּי ב, יב): 'הֵן **יִשָּׂא אִישׁ**' אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ טְרָאגְט, 'בְּשַׂר קֹדֶשׁ' אַ שְׁטִיקְל פְלֵייש וָואס אִיז אָפְּגֶעשֵׁיידְט, אַ שְׁטִיקְל נְבֵלָה, 'בִּכְנַף בִּגְדוֹ' בַּיי דִי עֶק פוּן זַיין קְלֵייד, 'וְנָגַע בִּכְנָפוֹ' אוּן עֶר רִירְט אָן מִיט זַיין עֶק קְלֵייד, 'אֶל הַלֶּחֶם' אִין בְּרוֹיט, פְרֶעג זֵיי אוֹיבּ עֶס וֶועט וֶוערְן טָמֵא; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר'ן נָבִיא עֶר זָאל פְרֶעגְן דִי כֹּהֲנִים אוֹיבּ זֵיי גֶעדֶענְקֶען דִי הֲלָכוֹת פוּן טֻמְאָה וְטָהֳרָה, טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי, 'בְּשַׂר קֹדֶשׁ' דָאס מֵיינְט מֶען דִי מִצְוָה פוּן 'מִילָה', ווי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ מְתַקֵּן זַיין אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ? 'בִּכְנַף בִּגְדוֹ' דוּרְךְ דִי מִצְוָה פוּן צִיצִית, וַוייל צִיצִית רַאטֶעוֶועט פוּן נִיאוּף, אוּן דָאס וָואס שְׁטֵייט וַוייטֶער אִין פָּסוּק 'וְנָגַע בִּכְנָפוֹ אֶל הַלֶּחֶם', דָאס מֵיינְט מֶען צוּ זָאגְן, **כִּי פְּגַם הַבְּרִית** אוֹיבּ מֶען אִיז חַס וְשָׁלוֹם פּוֹגֵם בִּבְרִית, בְּרֶענְגְט דָאס, **הֶעְדֵּר הַלֶּחֶם** מֶען זָאל פַארְלִירְן דִי בְּרוֹיט, דָאס מֵיינְט מֶען דִי פַּרְנָסָה, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מִשְׁלֵי ו, כו): '**בְּעַד אִשָּׁה זוֹנָה**' וַוייל וֶועגְן דִי פְרֶעמְדֶע פְרוֹי, '**עַד כִּכַּר לָחֶם**' וֶועט עֶר קוּמֶען צוּ אָרֶעמְקֵייט - בִּיז צוּ בֶּעטְלֶען אַ בְּרוֹיט, דוּרְךְ נִיאוּף וֶוערְט מֶען פַארָארֶעמְט, דָאס אִיז פְּשַׁט פוּן דִי וֶוערְטֶער 'וְנָגַע בִּכְנָפוֹ', אַז מֶען אִיז פּוֹגֵם אִין דִי מִצְוָה פוּן צִיצִית - 'עַד הַלֶּחֶם' פַארְלִירְט מֶען דִי בְּרוֹיט, **וְהָבֵן** אוּן פַארְשְׁטֵיי.

דִּי שְׁטִיקְל אִיז אַ הֶמְשֵׁךְ פוּן אוֹת א׳ וָואס

דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז יַעֲקֹב אָבִינוּ מִיט דִּי צְוֶועלְף שְׁבָטִים זֶענֶען דִּי צְוֶועלְף נֻסְחָאוֹת הַתְּפִלָּה. דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַ רְאָיָ׳ צוּ דֶעם, עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק, יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט יוֹסֵף (בְּרֵאשִׁית מט, כד): ׳וַתֵּשֶׁב בְּאֵיתָן׳ אוּן עֶס הָאט זִיךְ בַּאזֶעצְט מִיט שְׁטַארְקְקֵייט, ׳קַשְׁתּוֹ וְכוּ׳ זַיין שְׁטַארְקְקֵייט, שְׁטֵייט וַוייטֶער אִין פָּסוּק ׳מִידֵי אֲבִיר יַעֲקֹב׳ פוּן דִּי הֶענְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס אִיז דֶער שְׁטַארְקֶער פוּן יַעֲקֹב, ׳מִשָּׁם רוֹעֶה אֶבֶן יִשְׂרָאֵל׳ רַשִׁ״י זָאגְט, ׳אֶבֶן יִשְׂרָאֵל׳ אִיז נוֹטְרִיקוֹן אָב וּבֵן (בְּרֵאשִׁית מ״ט, כד) **אֲבָהָן וּבְנִין** דָאס מֵיינְט מֶען דִּי פָּאטֶער מִיט דִּי קִינְדֶער, ׳יַעֲקֹב וּבָנָיו׳ יַעֲקֹב מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, **בְּחִינַת הַתְּפִלָּה** דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף תְּפִלָּה, **יַעֲקֹב וּבָנָיו** וָואס דָאס זֶענֶען דִּי צְוֶועלְף נֻסְחָאוֹת וָואס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִּי צְוֶועלְף שְׁבָטִים מִיט יַעֲקֹב אָבִינוּ, וָואס יַעֲקֹב אִיז כּוֹלֵל אַלֶע צְוֶועלְף.

[וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דִּי שְׁטִיקְלֶעךְ תּוֹרָה הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים אוּן גֶעזָאגְט: ׳כְּשֶׁפּוֹגְמִין בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל נוֹפְלִין בְּגָלוּת׳, וֶוען מֶען אִיז פּוֹגֵם אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פַאלְט מֶען אַרַיין אִין גָלוּת, אוּן אַ סִימָן אוֹיף דֶעם, וָואס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית מט, כד): ׳מִשָּׁם רוֹעֶה אֶבֶן יִשְׂרָאֵל׳, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעפְרֶעגְט פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וֶוער קֶען מִיר זָאגְן פְּשַׁט אוֹיף דֶעם? אוּן קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעווִיסְט וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן, קוּק נָאךְ דִּי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה אִין סֵפֶר פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק אוֹת תנה.

**"וַתֵּשֶׁב בְּאֵיתָן קַשְׁתּוֹ וְכוּ׳, מִשָּׁם רוֹעֶה אֶבֶן יִשְׂרָאֵל"** (בְּרֵאשִׁית מ"ט) — **אֲבָהָן וּבְנִין, בְּחִינַת הַתְּפִלָּה יַעֲקֹב וּבָנָיו.**

**לוֹיט** דִּי תּוֹרָה קֶען מֶען דָאס גוּט פַארְשְׁטֵיין, וַוייל ׳יַעֲקֹב׳ אוּן ׳יוֹסֵף׳ וֶוערְן גֶערֶעכְנְט וִוי אֵיינְס, אַזוֹי וִוי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט אִין אוֹת א׳, אוּן דוּרְךְ ׳יַעֲקֹב אָבִינוּ׳ וָואס הָאט גֶעשִׁיקְט יוֹסֵף קוּקְן וָואס דִּי שְׁבָטִים טוּעֶן, הָאט פַּאסִירְט אַז ׳יוֹסֵף׳ אִיז אָנְגֶעקוּמֶען קַיין מִצְרַיִם, אוּן אוֹיךְ ׳יַעֲקֹב אָבִינוּ׳ אִיז אָנְגֶעקוּמֶען קַיין מִצְרַיִם, אוּן דָארְט אִין מִצְרַיִם אִיז יוֹסֵף גֶעפְּרוּאוְוט גֶעוָוארְן מִיט דִּי נִסָּיוֹן, אוּן עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שָׁם): ׳וַיָּפֹזּוּ זְרֹעֵי יָדָיו׳ אוּן דִּי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יַלְקוּט וַיֵּשֶׁב, רֶמֶז קמו): ׳שֶׁיָּצְאוּ טִפֵּי זַרְעוֹ מִצִּפָּרְנָיו׳, עֶס אִיז גֶעוֶוען קִלְקוּל הַבְּרִית, אוּן דוּרְכְדֶעם קֶען מֶען נִישְׁט מְקַבֵּל זַיין דִּי עֵצוֹת פוּנֶעם צַדִּיק, אוּן אָן דִּי עֵצוֹת קֶען מֶען נִישְׁט קוּמֶען צוּם אֱמֶת, עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ הָאבְּן אֱמוּנָה, וָואס אִיז אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וָואס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף תְּפִלָּה, אוּן מֶען פַאלְט אַרַיין אִין גָלוּת, דָאס זָאגְט רַשִׁ״י ׳אֲבָהָן וּבְנִין׳, וַוייל דַוְקָא יַעֲקֹב אָבִינוּ מִיט דִּי קִינְדֶער זֶענֶען אַרָאפּ אִין גָלוּת וַוייל זֵיי זֶענֶען דִּי זַאךְ פוּן נוּסָח הַתְּפִלָּה, דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס שְׁטֵייט ׳וַתֵּשֶׁב בְּאֵיתָן קַשְׁתּוֹ וַיָּפֹזּוּ זְרֹעֵי יָדָיו׳, וָואס דִּי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דַרְשְׁ׳עֶנֶען: ׳שֶׁיָּצְאוּ טִפֵּי זַרְעוֹ׳ וְכוּ׳, דָאס אִיז ׳מִשָּׁם רוֹעֶה אֶבֶן יִשְׂרָאֵל׳, ׳אֲבָהָן וּבְנִין׳, וְהָבֵן].

**סְגֻלָּה לְחוֹלֶה — לְהִסְתַּכֵּל עַל הַצִּיצִית. וְהַסּוֹד בַּפָּסוּק** (שָׁם מ"ח): **"הִנֵּה בִנְךָ יוֹסֵף בָּא אֵלֶיךָ". כִּי כָּל אֵלּוּ הַתֵּבוֹת מְרַמְּזִין עַל הַצִּיצִית, דְּהַיְנוּ מִנְיַן הַחוּטִין וְהַחֻלְיוֹת וְהַקְּשָׁרִים, (כַּמְבֹאָר בִּ"פְּרִי־עֵץ־חַיִּים" בְּשַׁעַר הַצִּיצִית, פֶּרֶק ד', בַּהַגָּ"ה, עַיֵּן שָׁם. וְזֶהוּ: "הִנֵּה**

**סְגֻלָּה** לְחוֹלֶה אַ סְגוּלָה פַאר אַ קְרַאנְקְן צוּ ווערן אוֹיסגֶעהֵיילְט, לְהִסְתַּכֵּל עַל הַצִּיצִית צוּ קוּקְן אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע צִיצִית, וְהַסּוֹד בַּפָּסוּק אוּן דִי סְגֻלָּה אִיז מְרוּמָּז אִינֶעם פָּסוּק וָואס שְׁטֵייט (שָׁם מ"ח, ב) וֶוען יַעֲקֹב אָבִינוּ אִיז גֶעוֶוען קְרַאנְק הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט: 'הִנֵּה בִנְךָ יוֹסֵף בָּא אֵלֶיךָ' דַיין זוּן יוֹסֵף קוּמְט צוּ דִיר, אוּן דוּרְכְדֶעם שְׁטֵייט וַוייטֶער 'וַיִּתְחַזֵּק יִשְׂרָאֵל' יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט, כִּי כָּל אֵלּוּ הַתֵּבוֹת וַוייל דִי אַלֶע וֶוערְטֶער פוּן הִנֵּ"ה בִנְ"ךָ יוֹסֵ"ף בָּ"א אֵלֶי"ךָ מְרַמְּזִין עַל הַצִּיצִית גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי מִצְוָה פוּן צִיצִית; דְּהַיְנוּ מִנְיַן הַחוּטִין דִי צָאל שְׁטְרִיקְן, וְהַחֻלְיוֹת דִי צָאל פוּן דִי חֻלְיוֹת, וְהַקְּשָׁרִים אוּן דִי צָאל קְנִיפְּן, כַּמְבֹאָר אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט אוֹיסגֶעשְׁמוּעֶסְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן אֲרִיזַ"ל, בִּ"פְּרִי עֵץ חַיִּים" בְּשַׁעַר הַצִּיצִית, פֶּרֶק ד', בַּהַגָּ"ה עַיֵּן שָׁם קוּק דָאס נָאךְ.

[וַוייל אַז מֶען רֶעכְנְט צוּזַאמֶען וִויפִיל מָאל מֶען דְרֵייט אַרוּם דִי כְּרִיכוֹת, קוּמְט אוֹיס דִי חֶשְׁבּוֹן הוּנְדֶערְט זֶעקְס אוּן פוּפְצִיג (156), אַזוֹי וִוי דִי וָוארְט 'יוֹסֵף' וָואס בַּאטְרֶעפְט אוֹיךְ הוּנְדֶערְט זֶעקְס אוּן פוּפְצִיג (156), וַוייל מֶען דְרֵייט אַרוּם דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל זִיבְּן, נָאכְדֶעם אַכְט, נָאכְדֶעם עֶלְף אוּן נָאכְדֶעם דְרַייצְן, אִינְאֵיינֶעם אִיז דָאס דִי חֶשְׁבּוֹן פוּן נַיין אוּן דְרַייסִיג (39), אוּן אַז מֶען רֶעכְנְט צַאם פִיר מָאל נַיין אוּן דְרַייסִיג קוּמְט עֶס אוֹיס אַזוֹי וִוי דִי וָוארְט 'יוֹסֵ"ף', וָואס בַּאטְרֶעפְט הוּנְדֶערְט זֶעקְס אוּן פוּפְצִיג (156). אוּן דִי לֶענְג פוּן דִי שְׁטְרִיקְן זֶענֶען פוּפְצְן גוּדָלִים [דִי דִיקֶע פִינְגֶער], אַ דְרִיטְל זֶענֶען דִי כְּרִיכוֹת מִיט דִי קְנִיפְּן, אוּן צְוֵויי דְרִיטְלֶעךְ זֶענֶען דִי שְׁטְרִיקְן, פִיר גוּדָלִים דִי כְּרִיכוֹת, אוּן אַכְט גוּדָלִים דִי שְׁטְרִיקְן וָואס הֶענְגֶען, אִינְאֵיינֶעם אִיז דָאס צְוֶועלְף גוּדָלִים, אוּן נָאךְ דְרֵיי גוּדָלִים וָואס נֶעמְט אוֹיף פוּנֶעם לֶעכְל בִּיזְן עֶק קְלֵייד, פוּן יֶעדֶע זַייט אַ גוּדָל אוּן אַ הַאלְבּ, אִינְאֵיינֶעם אִיז דָאס פוּפְצְן, אוּן אַז מֶען רֶעכְנְט דָאס צַאם פִיר מָאל, פַאר דִי פִיר עֶקְן פוּנֶעם קְלֵייד - קוּמְט עֶס אוֹיס אַזוֹי וִוי דִי וָוארְט 'הִנֵּ"ה' וָואס בַּאטְרֶעפְט זֶעכְצִיג (60). אוּן דִי חֻלְיוֹת מִיט דִי קְנִיפְּן בַּאטְרֶעפְן צְוֵויי אוּן זִיבֶּעצִיג (72), וַוייל דִי נַיין אוּן דְרַייסִיג (39) כְּרִיכוֹת וָואס מֶען מַאכְט בַּיי יֶעדְן עֶק קְלֵייד, אִיז דֶער מִנְהָג דָאס צוּ צֶעטֵיילְן אִין חֻלְיוֹת, יֶעדֶע דְרֵיי כְּרִיכוֹת אִיז אַ חֻלְיָה, קוּמְט אוֹיס דְרַייצְן חֻלְיוֹת, אוּן אַז מֶען דָאפֶּעלְט עֶס פַאר דִי פִיר עֶקְן, אִיז דָאס צְוֵויי אוּן פוּפְצִיג (52), לֵייג צוּ צוּ דֶעם דִי פִינְף קְנִיפְּן בַּיי יֶעדְן עֶק, מָאל פִיר, וָואס אִיז צְוָואנְצִיג, אִינְאֵיינֶעם אִיז דָאס צְוֵויי אוּן זִיבֶּעצִיג אַזוֹי וִוי דִי וָוארְט 'בִּנְ"ךָ'. אוּן בַּיי יֶעדֶע עֶק קְלֵייד אִיז דָא אַכְט בֶּענְדְלֶעךְ, אוּן יֶעדֶע בֶּענְדְל

אִיז כָאטְשִׁיג פוּן צְוֵויי צַאמְגֶעדְרֵייט, אִיז דָאס זֶעכְצְן, אוּן אַז מֶען רֶעכְנְט דָאס פַּאר אַלֶע פִיר עֶקְן קְלֵייד, אִיז דָאס פִיר אוּן זֶעכְצִיג (64), אַזוֹי וְוִי דִי וָוארְט 'בָּא אֵלֶיךָ', הָאבְּן מִיר אִין דִי פָּסוּק הִנֵּ"ה בִנְ"ךָ יוֹסֵ"ף בָּ"א אֵלֶ"יךָ דִי מִצְוָה פוּן צִיצִית].

וְזֶהוּ אוּן דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק 'הִנֵּה בִנְךָ יוֹסֵף בָּא אֵלֶיךָ' [דַיין זוּן יוֹסֵף קוּמְט צוּ דִיר], זָאגְט דֶער רֶבִּי נָאךְ אַ פְּשַׁט, דְּהַיְנוּ דָא לִיגְט דִי סוֹד בְּחִינַת צִיצִית פוּן צִיצִית, דוּרְךְ הִנֵּ"ה בִנְ"ךָ יוֹסֵ"ף בָּ"א אֵלֶ"יךָ וָואס בַּאטְרֶעפְט אַזוֹי וְוִי דִי צָאל כְּרִיכוֹת, גּוּדָלִים, חֻלְיוֹת, קְשָׁרִים אוּן חוּטִים פוּן דִי צִיצִית, כַּנַּ"ל אַזוֹי וְוִי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, עַל יְדֵי זֶה דוּרְכְדֶעם, 'וַיִּתְחַזֵּק יִשְׂרָאֵל' הָאט זִיךְ יִשְׂרָאֵל (יַעֲקֹב) גֶעשְׁטַארְקְט אֲפִילוּ וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען קְרַאנְק, ווייל דִי צִיצִית אִיז אַ סְגוּלָה פַּאר אַ חוֹלֶה.

> בִּנְךָ יוֹסֵף בָּא אֵלֶיךָ", דְּהַיְנוּ בְּחִינַת צִיצִית כַּנַּ"ל, עַל-יְדֵי-זֶה "וַיִּתְחַזֵּק יִשְׂרָאֵל".

**דֶערִיבֶּער** פִירְן זִיךְ אַ נְ שֵׁ י שְׁלוֹמֵינוּ וֶוען זֵיי מַאכְן דִי עֲטִיפַת טַלִּית צוּ קֶרֶעכְצְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט, צוּ פָאלְגְן דִי עֵצוֹת פוּן צַדִּיק אוּן צוּ וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט פוּן נִיאוּף.

# מהדורת טשינגל

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**דוד טשינגל** הי"ו

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבו לטובה, ויתברך מפי עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, וזכות רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים יגן וימליץ בעדו תמיד,

אמן כן יהי רצון.